

ד"ר צבי קאמינסקי

# געווען אמאל א שטאָט בערדיטשעוו...

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2021

פּאַריז — 1952

בוכדרוקעריי י. שאפניק
232 רי שארענטאן, פאריז

מיין כתב־יד איז ארויסגעגעבן געוואָרן מיט דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער מיטהילף פון באַקאַנטן שרייבער און כלל־טוער נחום כאַניןּ, אין ניו־יאָרק,

ווי אויך מיט דער הילף פון מיין פריינט און לאַנדסמאַן, באַקאַנטער כלל־טוער י. מאַיאָרקעס, אין פאַריז.

דער מחבר


מפת העיר ברדיטשוב

# מפת העיר ברדיטשוב — קאַרטע פון שטאָט בערדיטשעוו

אינזש. א. בערגער און ח. ב. אילן

תחנת הרכבת —וואָקזאַל
לקזסין — דער וועג קיין קאַזאַטין
ההר הקרח — ליסע גאָרא (פּליכע־וואַטע באַרג)
ביח״ר „פרוגרס״ — זאַוואָד „פּראָ־גרעס״
באַלשאַיאַ זשיטאָמירסקאַ
מאַלאַיאַ זשיטאָמירסקאַ
בית ספר למסחר — האַנדלס־שול
בית החולים — שפּיטאָל
שדרות — בולוואַר
ציקלאָדראָם
דאַניעלאָווסקאַיאַ־גאַס
מאַכנאָווסקאַיאַ־גאַס
לזיטומיר — דער וועג קיין זשי־טאָמיר
לרובנה — דער וועג קיין ראָוונע
העיר החדשה — די נייע שטאָט
די טאַראַנאַ־גאַס
גן העיריה — דער שטאָט־גאָרטן
תיאטרון סירנדים — שערענדים טע־אַטער
מרחצאות חיים סמורקוס — באָד פון חיים סמאָרקאָטש
בנק למסחר ותעשי׳ — באַנק פאַר האַנדל און אינדוסטרי
דואר — פּאָסט
ביה״ס ז. רובנר — שול פון זיידל ראָוונער
ביהמ״ד החדש — דאָס נייע בית המדרש
נהר גנילופסקה — דער טייך גני־לאָפּאַטקע
רח׳ צ׳ורנובסקיה — טשודנאָווסקאַ־גאַס
בית מגזניק — דאָס הויז מאַגאַזאַניקס

בית הקברות החדש — דער נייער בית הקברות
אהל ר׳ לוי יצחק — דאָס אהל פון ר׳ לוי יצחק
די ניקאָלסקאַיאַ־גאַס
תלמוד תורה
מענדעלע מוכר ספרים
בית הקברות הישן — דאָס אַלטע בית הקברות
מגדל מים — וואַסער־טורעם
בית הקברות
סואמואי
בנק הסוחרים — באַנק פון סוחרים
ככר הכובור — סאַבאָר־פּלאַץ
זשיטאָמיר־גאַס
מאַסטאַוואַ־גאַס
המרחץ — דאָס באָד
הגשר החדש — די נייע בריק
העיר הישנה — די אַלט־שטאָט
ביהכ״נ הישן — די אַלטע שול
מרחץ ישן — דאָס אַלטע באָד
קלשטורנה — קלויסטער־גאַס
בית מרגלית — מאַרגאַליעס הויז
ביהכ״נ קצ׳נובקה — קאַטשאַנאָווער קלויז
קאַטשאַנאָווסקאַ־גאַס
קלשטור — פּוילישער קלויסטער
ככר השוק — מאַרק־פּלאַץ
החולות — פּיסקעס
קלוין של הרב — דעם רבי׳ס קלויז
הגשר הישן — די אַלטע בריק
טחנת קמח — די מיל
סולברק — פּאַלוואַרק
עבר הנהר — פון יענער זייט טייך (זאַגרעבליע)

# צום לייענער

(אנשטאט א פארווארט)

בערדיטשעוו אַמאָל... דו רערסט אויס די צוויי ווערטער, און נישט ווילנדיק רייסט זיך אַרויס בײַ דיר א טיפער זיפץ, אַן אמת'ער יידישער זיפץ מיט א קרעכץ. בערדיטשעוו אמאָל... און היינט? איז שוין דען נישטאָ בער־דיטשעוו? יאָ, ס'איז יאָ דאָ א שטאָט, וואָס הייסט היינט אויך בערדיטשעוו. די שטאָט שטייט אויף דעם זעלבן אָרט, ווו ס'איז געשטאַנען בערדיטשעוו אמאָל. די שטאָט איז אפשר גרעסער פון אמאָליקן בערדיטשעוו: נייע הייזער, גרויסע, עטלעכע שטאָקיקע זיינען אויפגעבויט, נייע גאָסן זיינען צו־געקומען, נאָר די אַלטע גאָסן, און אפילו די עטלעכע איבער־געבליבענע הייזער פון אמאָליקן בערדיטשעוו, זען אויס עפּעס אַנדערש, עפּעס פרעמד. און די מענטשן, וואָס דו טרעפסט אויף טריט און שריט, זיינען נישט יענע בערדיטשעווער

יידן. דאָס זיינען מענטשן וואָס דו טרעפסט אין יעדער אײ־
גער אנדערער סאָוויעטישער שטאָט. דער זעלבער הילוך, דער
זעלבער אַרט רעדן, די זעלבע באַוועגונגען. איך ווייס נישט,
צי היינט זיינען נאָך דאָ יידן אין דער שטאָט וואָס הייסט
בערדיטשעוו. זיכער, אַז די לעצטע שחיטה האָט נישט גע־
שאָנעוועט די יידן פון דער שטאָט אויך, נאָר אפילו אויב
זיי זיינען נאָך דאָ, וועסטו זיי נישט דערקענען. דער היינטי־
קער בערדיטשעוו איז נישט קיין המשך פון אַמאָליקן. עס
איז פאַרשוואונדן די יידישקייט, די ספּעציפישע, וואָס עס איז
געווען דער הויפּט פּרצוף פון בערדיטשעוו אַמאָל. בערדי־
טשעוו איז געווען אַן עיר ואם בישראל, אַ גרויסער יידישער
צענטער אין אוקראַינע. די אוקראַינישע און רוסישע שונאי־
ישראל פלעגן זאָגן „זשידאָווסקאַיאַ סטאָליצאַ", אַ יידישע
הויפּטשטאָט. עס איז געווען אַ שטאָט פון פרומע און אַפּי־
קורסים, געבילדעטע און עמי־הארצים. (הלואי האָבן סיר
היינט אַזעלכע עמי־הארצים). נאָר דאָס זיינען אַלע געווען
יידישע מענטשן. יידן לויט זייער אַרט גיין, לויט זייערע באַ־
וועגונגען, לויט זייער אויסזען, לויט זייער אַרט רעדן. יידיש
האָט געקלונגען אומעטום, אויפן מאַרק, אין די גאַסן, אין
אַלע הייזער, סיי רייכע, סיי אָרעמע. מען קען זאָגן, אַז אין
בערדיטשעוו אַמאָל איז יידיש געווען די מלוכה־שפּראַך. און
דער עיקר, בערדיטשעוו אַמאָל איז געווען די שטאָט פון רבי
לוי יצחק בערדיטשעווער זצ"ל. די שטאָט, וואָס לאַנג לאַנג
נאָך דער פּטירה פון דעם גרויסן צדיק, האָט אין זיך גע־
טראָגן זכרונות פון פאַרשידענע מעשיות און לעגענדעס פון
„אים" זצ"ל. די מתפללים אין די שולן, בין מנחה למעריב,
די פרומערע שטייענדיק פאַר זייערע סדאָמען, וואַרטנדיק

אויף א דורכנייענדיקן קונה, פּרענעים, זיצנדיק אויף דער ערד, אין א שאָטן פון א הייסן זומפּער־טאָג, וואַרטנדיק אויף א שטיקל אַרבעט. און אפילו די „נעבילדעטע” האָבן ליב גע־האַט דערציילן און הערן, וועג מיט התפעלות, און ווער שטיל און נעלאַסן, מעשיות וועגן דעם וווּנדערבאַרן צדיק, וואָס איז געווען דער באַשיצער פון פּראָסטן האָרעפּאַשנעם נע־ווייגלעכן אָרעמען יידן, וואָס איז געווען דער נרויסער מאָנער ביים רבש”ע פאַר זיין פאָלק ישראל, פאַר זיינע יידן. אין בערדיטשעוו איז געווען די פארקערפּערונג פון ר׳ לוי יצחק׳ס זצ”ל חסידישן גייסט, אַזוי ווי ר׳ לו”י זצ”ל איז געווען די פאַרקערפּערונג פון בערדיטשעווער פאָלקסטימלעכער יידיש־קייט.

און היינט? די יידישע שטעט זיינען נעבליבן שטעט, נאָר שוין נישט קיין יידישע. מען האָט זיך נישט געקענט פאָר־שטעלן, ווי קען דאָס זיין, אז פון די שטעט און שטעטלעך, ווו יידן זיינען געווען די מערהייט פון דער באַפעלקערונג, ווו זיי זיינען געווען רוב מנין ורוב בנין, זאָלן זיי פאַר־שווינדן. ווי קען דאָס זיין? עס מוז דאָך בלייבן א פּוסט־קייט אויף דעם אָרט, ווו די יידן אין אזא נרויסער צאָל זיי־נען געווען. און עס איז נעקומען די פאַרברעכערישע האַנט פון היטלער ימ”ש און האָט אויסגעראָטן א דריטל פון יידישן פאָלק. אין דער מערהייט פון די אַזוי נערופענע יידישע שטעט אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד, איז היינט קיין איין ייד נישטאָ. אין א סך פון זיי זיינען אפילו די „בית־עולם׳ס” פאַרשוואונדן, און מיט די צעבראָכענע צעהאַקטע מצבות האָט מען פאַרברוקירט די גאַסן, און דאָרט, ווו די „בית־עולם׳ס” זיינען פאַרבליבן, זיינען זיי פאַרוואַקסן מיט הויכע, נעריכטע

גראָז. נישטאָ קיין לעבעדיקע ייִדן זאָלן קומען אויף קבר־אבות; נישט ווער ס'זאָל קומען חודש אלול אויף דער מאַ־מענס אָדער טאַטנס קבר, אויסוויינען זיך אויף זיין ביטערן גורל, אַראָפּרעדן פון האַרצן און בעטן, אַז דער טויטער זאָל זיין זיין מליץ יושר אויף יענער וועלט ביים רבש"ע און אויסבעטן פאַר די לעבעדיקע א גוט יאָר, ווייל קיין לעבעדיקע ייִדן זיינען שוין דאָרטן נישטאָ.

די גלות־צענטערן זיינען חרוב געוואָרן; נייע יידישע צענ־טערן זיינען אויפגעקומען און קומען אויף היינט פון טאָג צו טאָג דאָרט, אין אונזער לאַנד, אין ארץ ישראל. עס זיי־נען דאָרט אויפגעקומען פראַכטפולע יידישע שטעט און דער־פער. און ווען עס האָבן נישט לאַנג נאָכן אויפשטיין תחיית־המתים פון מדינת ישראל, איר באַדראָט די אַנפאַלנדיקע, צענפאַכיק גרעסערע מחנות פון אַראַבער, האָבן די יידן פון ארץ ישראל מיט בלוט, מיט יונגע לעבנס, באַצאָלט פאַר דער יידישער זעלבסטשטענדיקייט און האָבן געזיגט.

בערדיטשעוו אַמאָל, איז היינט נישטאָ; אויסגעמעקט; מען קען זאָגן געשטאָרבן. און ווייל עס איז געווען מיין „בערדיטשעוו", די שטאָט, אין וועלכער איך בין געבוירן געוואָרן, פאַרבראַכט מיין יוגנט און מיינע בעסטע יאָרן; די שטאָט, וועלכע איך האָב פאַרלאָזן נאָר דאַן, ווען זי האָט אָנגעהויבן פאַרלירן דעם יידישן פרצוף פון אַמאָליקן בער־דיטשעוו, דערלויב איך מיר איבערגעבן דעם לייענער דאָס בינטל זכרונות, כדי עס זאָל בלייבן א זכר נאָך „מיין בער־דיטשעוו", בערדיטשעוו פון אַמאָל, אנשטאָט א מצבה אויף דעם נישט עקזיסטירנדיקן קבר פון בערדיטשעוו. דערפאַר ליבער, אומבאַקאַנטער לייענער ובפרט א בערדיטשעווער,

ווען דו וועסט איבערלייענען דעם בוך מיינעם, איידער דו וועסט איבערלייענען דעם לעצטן וואָרט און צומאַכן דעם בוך, בעט איך דיר, גיב אַ זיפֿץ, אַ טיפֿן יידישן זיפֿץ מיט אַ קרעכץ, אַזוי ווי נאָר אַ ייד קאָן זיפֿצן, אַ זיפֿץ פֿון דער טיפֿעניש פֿון האַרץ און נשמה, אויף דער סימבאָלישער מצבֿה פֿון מיין בערדיטשעוו, פֿון אונזער בערדיטשעוו, פֿון בערדיטשעוו אַמאָל...

פּאַריז, מײַ 1950.

דער מחבר

# דאָס אַמאָליקע בערדיטשעוו

עס ווערט אומעטיק ווען דו זעסט, אַז פיל ייִדישע שטעט, וואָס זיינען געוואָרן אויסגעראָטן אין די היטלער־יאָרן, האָבן באַקומען זייער תּיקון, אין אַ פאָרם פון אַ יזכּור־בוך אָדער אַנדערש — נאָר אַזאַ גרויסער, ייִדישער צענטער, אַן עיר ואם בישׂראל, האָט דעם דאָזיקן תּיקון נישט באַקומען.

כ׳דערמאָן זיך בערדיטשעוו מיט אַ 40 יאָר צוריק. פון איין הויז שטעקט אַרויס אַ בלעכערנע הענטשקע. דאָס איז אַ רעקלאַמע פון פאַבריקאַנט מ. ראַבינאָוויטש, דער ברודער פון אונזער גרויסן שלום־עליכם. דאָ האָט ער פאַרבראַכט יעדן יאָר אייניקע תּרשים. דאָ האָט שלום־עליכם געשריבן זיין בוך ווענן בערדיטשעוו, אין וועלכן ער האָט אַזוי סאַטי־ריש אויסגעמאָלט די שטאָט קאַסרילעווקע מיט אירע איינ־וווינער. אין דער צייט ווען שלום־עליכם האָט פאַרבראַכט אין בערדיטשעוו, האָט ער נישט דורכגעלאָזט קיין שום חדר־

יינגל, ער זאָל אים נישט פאַרטשעפּען און אים נישט אויס־פרעגן וואָס ער לערנט און וואָס ער קען שוין. ער האָט זיי דערביי מיט ליבשאַפט צוגעגעבן מוט צום לערנען. און אָט זיינען מיר ביים גרויסן פּראַוואָסלאַווישן סאָבאָר (קירכע). אנטקעגנאיבער זיינען אויפגעשטעלט פיל געשעפטן. ווי אַן אַזויס אין דער מדבר שטייען צוויי קריסטלעכע קראָמען. ביידע אייגנטימער רעדן אַ גוטן יידיש. ווייטער־צו געפינען זיך בלויז געשעפטן פון מאַנופאַקטור. נעבן יעדן צווייטן, דריטן געשעפט טרעפט איר אַ יידן מיט אַ שיין אויסגעקעמ־טער באָרד, וואָס דרייט זיך הין און צוריק מיט אַ שטעקעלע אין האַנט. דאָס איז אַ קאָמיסיאָנער, וואָס קוקט אַרויס אויף זיינע קליענטן, וואָס קומען פון דער פּראָווינץ אַ פּאָר מאָל אין חודש.

די גאַס ענדיקט זיך מיטן קאַטוילישן קלויסטער פון קאַר־מעליטן, וועלכער איז אַרומגערינגלט אין דער פאָרם פון אַ „ח" — מיט אַ פעסטונג, וואָס קוקט אַראָפּ מאַיעסטעטיש אויפן טייך גניליאָפּיאַט, וואָס איז אַן אייניקל פון דניעפּר, וועלכן נאָגאָל האָט אַזוי שיין באַזונגען. די פעסטונג איז איינגעהילט אין סודות און קען דערציילן די געשיכטע פון בערדיטשעוו. אויף אירע ווענט האָבן במעלניצקים באַנדעס געקוילעט יידישע מענער, פרויען און קינדער און זיי גע־וואָרפן אין טייך. דאָס האָט זיך איבער־געחזרט ביי די שפּע־טערדיקע פּאָגראָמען אויף יידן און די שחיטה פון פעטליור־רעס באַנדעס.

אויף דער לאַנגער זשיטאָמירער גאַס, אויפן תלמוד־תורה־הויף שטייט אַ זייטיק שטיבל, ווו ס'האָט אַ לענגערע צייט געוווינט דער „זיידע" מענדעלע מוכר ספרים. דאָ האָט ער

נעשריבן זיין „טאַקסע" און „פּישקע דער קרומער". נישט ווייט שטייט מיין פּאַטערס הויז. נעבן טויער געפינט זיך דער פּאָליציי־פּאָסטן, ביי וועלכן עס שטייט דער גאָראָדאָוואָי דיערטיאַרענקאָ. מיט זיינע ברייטע פּלייצעס, רויטן קאַרק און גראָבע ליפּן. ער טראָגט אויף איין זייט א רעוואָלווער און אויף דער צווייטער א שווערד. מען דאַרף זיך אָבער פאַר אים נישט שרעקן. ער חלומט נאָך וועגן פּורים, ווען מען וועט קענען נעמען א ביסל משקה און פאַרבייסן מיט א המן־טאַש...

נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך דער בערדיטשעווער בית הקברות, וווּ עס ליגט ר' לוי יצחק בערדיטשעווער. אויפן אוהל איז נישטאָ קיין שום אויפשריפט, נאָר פון דער מזרח־זייט זיינען פאַראַן צוויי גרויסע לעכער. אין איין לאָך ווערט אַריינגעשטעלט א נר תמיד און אין דער צווייטער וואַרפט מען אַריין קוויטלעך.

די גרעסטע געביידע אין דער שטאָט איז געווען די אַלטע שטאָטישע שול, וועלכע איז הויך געווען פינף שטאָק. דאָ האָט געזונגען ניסן בעלזער מיט זיין כאָר. צווישן זיינע כאָ־ריסטן האָט זיך געפונען דער שפּעטערדיקער חזן סיראָטאַ, דער זינגער סיביראַקאָוו, קיפּניס און פיל אַנדערע. נעבן דער שול שטייט דעם בערדיטשעווער צדיק'ס שול, די שטיבלעך פון די טשערנאָבילער, סקווערער, חב"דניקעס און פיל אַנדע־רע. קיין שטאָט האָט נישט געהאַט אַזוי פיל שולן ווי בער־דיטשעוו.

יעדע בראַנזשע האָט זיך פאַרמאָגט איר שול. איר האָט דאָרט געקענט טרעפן די שניידערישע שול, די קצבישע, די משניות־שול און א סך אַנדערע.

# הוצקע דער טרעגער און זיין שול

**א** שטיין אויף א שטיין, א ציגל אויף א ציגל און די שול האט זיך געבויט אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער הויך.

אינאיינעם מיט דעם וווקס פון דער שול, איז אויך נעוואקסן און זיך געפרייט דאס הארץ פון הוצקע דעם טרעגער, וועלכער איז דער גבאי אין דער אפגעברענטער טרעגערישער שול, וואס איז פארברענט דורך אן אומפארזיכטיקייט פון א יארצייט־ליכט. באלד נאך דער שרפה האט הוצקע צונויפגערופן א פארזאמלונג פון די מתפללים און האלטנדיק פאר זיי א דרשה אין דעם הויז פון זכריה דעם שענקער, האט ער, געמענדיק אין האנט א גלעזל משקה, געזאגט: רבותי! איך שווער אייך ביי דער משקה, אז איך וועל נישט רוען ביי־טאג און ביינאכט און מיט גאטס הילף און ווי אויך מיט אייער הילף, וועל איך צוריק א שול אויפבויען.

ער האט געזאגט און געטאן. קורץ נאכדעם האט ער איני־

גאַנצן איבערגעביטן זיין לעבן־שטייגער. ער האָט איינגעטיילט דעם טאָג אויף אַזאַ אופן, אַז מער פון דער העלפט האָט ער געווידמעט דער אַרבעט אויף דער שול בויען. זיין פאַמיליע האָט דערפון שטאַרק געליטן, אָבער זיין איינציקער אידעאַל איז געווען נאָר די שול. ער פלעגט אויפשטיין גאַנץ פרי מיט די הענער צוזאַמען. אָפּגעדאַווגט, אָפּגעגעסן, געכאַפּט אַ פלאַש משקה מיט פאַרבייסן און געלאָפן צו דער געבוידע. דאָרט האָט ער אָראָפּגערופן פון דער רושטאָוואַניע די אַר־בעטער. יעדער האָט זיך דערקוויקט מיטן ביסל שנאַפּס און אַ פריילעכער, אַ גוטמוטיקער איז ער אוועק אין גאַס.

נאָך דעם שווערן אַרבעטס־טאָג איז ער געקומען צו זיך אַהיים, ווו עס האָט שוין אויף אים געוואַרט וועלוול דער שמש. דאָס איז געווען אַ ייד אין די 60־ער, אויך אַ געוועזענער טרעגער. נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אונטערגעריסן מיט אַ שווערער משא, האָט ער פאַרלאָזט דאָס פאַך און איז גע־וואָרן אַ שמש אין דער שול. ער האָט געקענט דאַווענען „ווי אַ וואַסער" און ער האָט אויך געקענט גוט חשבונען. הוצקע האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיין לינקער קעשענע זיינע פאַר־דינסטן און האָט דאָס אָפּגעגעבן דער פרוי און פון דער רעכטער קעשענע האָט ער אַרויסגענומען פאַפּירלעך, אין וועל־כע עס זענען געווען איינגעוויקלט די געלטער, וועלכע מען האָט אים געשענקט אויף דער שול. אָט איז אויף איינעם אָנגעשריבן קאַבעלאַנסקי. אויף אַן אַנדערן מאַגאַזאַניק, אַר־טענבערג, לייבוש מאַנזאָן, נוסינאָף, ליבאָף, סענדער שאהר, מאָטל ראַבינאָוויטש און פיל אַנדערע. וועלוול שמש האָט אים איבערגעציילט מיט דעם בלייַשטיפט און עס האָט אַלץ גע־שטימט. אויפן צווייטן טאָג איז ער געלאָפן אין דער צינגל־

פאבריק, ווו ער האָט באַצאָלט פאַר די ציגל און אַ העלפּט האָט מען אים געשענקט. אַזוי איז אויך געשען מיט דעם איבעריקן בוי־מאַטעריאַל ווי געהילץ, צעמענט, טשוועקעס.

איינמאָל, אין אַ ווינטער־אָוונט, ביי דער שיין פון דער פולער לבנה, האָט מען באַמערקט עפּעס אַ סילועט, וואָס איז געשטאַנען און זיך געשאָקלט ביי אַ וואַנט פון דער נאָך נישט פאַרענדיקטער שול־געביידע. דאָס איז געווען הוצקע דער טרעגער. ער איז געווען טויט־שיכור און ער האָט גערעדט אויף אַ קול צו זיך אַליין:

„אָט דאָס איז מיין שול, דאָס איז מיין תורה; אָט דאָס איז מיין נ״ט; דאָ וועל איך זיצן אויבנאָן אין מזרח; נישט אַזוי ווי איך האָב זיך געוואַלגערט ביי די טירן פון אַנדערע שולן די לעצטע פאַר יאָר. דאָ וועט מען מיך אויפרופן צו דער תורה: יעמוד רבי יצחק ברבי דוד הלוי״. און רעדנדיק אַזוי, האָט ער געקושט די וואַנט און געוויינט.

## הוצקע פייערט דעם חנוכת הבית פון דער שול

אַרום ענדע זומער איז געוואָרן פאַרענדיקט די שול־געביידע. הוצקע האָט זיך געווענדעט צו זיין חבר מאיר׳ל משה אהרונס, וועלכער איז געווען רעי נכאי פון דער מפשיטים־שול, אַז ער זאָל אים פאַרזאָרגן מיט פלייש אויף דעם מאָל־צייט. מאיר׳ל משה אהרונס איז געווען אַ מאַן אַ ריז און אַזוי ווי ער איז גרויס געווען, אַזוי האָט ער פאַרמאָגט אַ גרויס יידיש הארץ. אַז עס פלעגט זיך מאַכן אויף אַ יריד, אַז גוים פלעגן אָנפאַלן אויף יידן, האָט ער מיט זיין אינטערווענץ

געמאַכט אש און שטויב פון די בולינאַנעס. אין דעם כאַ־
שטימטן טאָג פון דעם חנוכת הבית, האָט מאיר׳ל משה
אהרונס געבראַכט צו פירן א לעבעדיקע קו, וועלכע מען האָט
געקוילעט. פרויען האָבן געבראַכט פאַרשידענע געטראַנקען,
איינגעמאַכץ, פאַרשידן געבעקס. אין דער שמחה האָבן זיך
אויך באַטייליקט פּדהצורס קאַפּעליע, ניסן דער חזן מיט זיין
כאָר. אַז דער כאָר האָט אָנגעהויבן צו זינגען דעם מאַרש
לך ה׳ הגדולה והגבורה און די קאַפּעליע האָט אונטערגע־
האַלטן, איז הוצקע אַריין אין אַזאַ עקסטאַז, אַז ער איז צוגע־
לאָפן צום ארון הקודש, אַרויסגעכאַפּט פון דאָרט אַ ספר
תורה און צודריקנדיק צום האַרצן, ווי מען דריקט צו אַ ליב
קינד, האָט ער געכאַפּט אַ טענצל. אים האָבן נאָכגעטאָן אַנ־
דערע יידן. קינד און קייט זיינען געקומען ביי(ווינען די שמ־
חה. די גאַס אַרום דער שול איז געווען שוואַרץ פון מענטשן.
דער גרעסטער בעל שמחה איז געווען הוצקע אַליין. דאָס איז
געווען דער גרעסטער פאַרגעניגן, וואָס ער האָט געהאַט אין
זיין לעבן.

# נעצל אַ „שערל"

פאַר די דערוואַקסענע איז ער געווען אַ רע־טעניש, אָבער פאַר אונז „ווייסע חברהניקעס" איז ער געווען אַ ציל־ברעט, אין וועלכן מיר האָבן געוואָרפן שטיקלעך בלאָ־טע, אָדער אַנדערע זאַכן, וועלכע זיינען אונטערגעקומען אין די הענט. מיר זיינען אים נאָכגעלאָפן און נאָכגעשריען: „נעצל אַ שערל". ער איז געווען אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ נאָגל פּנים און הויכן שטערן מיט פיל קנייטשן פאַר דער צייט און מיט אַ שוואַרצן בערדל, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע פּנים.

אַ גאַנץ יאָר האָט ער געטראָגן אַ לאַנגע שוואַרצע „בעקע־שע" מיט טיפע קעשענעס און אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גראָבן לעדערנעם פּאַס. פון זיין היטל האָבן זיך אַרויסגעזען לאַנגע און שוואַרצע האָר, געגלעטע צום פּראַוואָסלאַוונעם גלח. אין דער לינקער זייט פון דער „בעקעשע" אין בוזעם, האָט ער שטענדיק געהאַט גרייט אַ גרויסן שטיין זיך צו פאַרטיידיקן.

ווען דאָס קליינוואַרג פּלעגט אים באַפאַלן, פּלעגט ער פּלינט
אַרויסנעמען דעם שטיין און עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט־
אָט וואַרפט ער אים אין די קינדער און שפּאַלט זיי דעם קאָפּ.
אָבער, ניין, ער האָט דעם שטיין קיינמאָל נישט געוואָרפן.
האָבן אים די קינדער אָן אויפהער אַטאַקירט; פלעגט ער
בלייבן שטיין אַ צעטומלטער און אָנהייבן שרייען. אויף זיי־
נע געוואַלדן פלעגן אים קומען צו הילף דערוואַקסענע
מענטשן, אָדער דער „גאָראָדאָוואָי“ און די נעכאַפּטע קינדער
פלעגט מען גוט אָנדרייען אַן אויער. נאָכדעם פלעגט נעצל
זיך ניין ווייטער און כסדר זיך אַרומגעקוקט אין דער לינקער
זייט, צי די קינדער לויפן אים נישט נאָך.
אין אַ טרויעריקער לאַנגע פלעגט זיך נעצל נעפינען, ווען
ער פלעגט דורכגיין די שער־עדיי אָדער שנים־קראָמען. די אָנ־
געשטעלטע און לאָבוזעס פון דער שערעריי פלעגן אַרוים־
לויפן מיט אַ שערל אין האַנט, עס פּאַכען פאַר נעצלס אויגן
און עס האָט געהייסן, אַז מען וויל אים אָפּשערן די האָר.
דאָס פלעגט אים שטאַרק דענערווירן און פאַרביטערן זיין
לעבן.
ווען עס פלעגט אַמאָל צופאָרן צו אַ קראָם אַ פּריץ, פלעגט
נעצל באַלד צולויפן צו אים, זיך פאַרנייגן אין דרייען און
אין אַ שיינער רוסישער שפּראַך בעטן אַ נדבה. דער פּריץ
פלעגט אים טאַקע גוט כאַהאַנדלען. נעצל האָט געווינט איינ־
זאַם אונטער דער גרעבלע אויף אַ בוידעם־שטיבל און פלעגט
אויסמיידן זיך צו טרעפן מיט מענטשן. אייניקע מענטשן
האָבן אים דערפאַר געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם, אַנדערע
גאָר פלעגן זאָגן, אַז ער איז אַ למד־וואָווניק. אָבער נישט דאָס
ערשטע און נישט דאָס צווייטע איז ער געווען. נאָר ראש

השנה און יום כיפור פלעגט ער זיך אריינכאפן ערגעץ אין א שולעכל און זיך פארשטעקן אין א ווינקל, איינגעהילט אין טלית און ראווענען מיט גרויס יראת הכבוד.

א פאר מאל אין וואך, נאך זיינע ארומלויפענישן נאך נדבות, פלעגט ער זיך א לאז טון אויף די פיסקעס. דאס איז געווען דער ארעמסטער טייל פון דער שטאט. דא פלעגט ער זיך אריינכאפן צו ארעמע קראנקע פאמיליעס, אדער צו אן ארעמער קימפעטארין. דא האט ער זיך געפילט היימיש און געווארן שטארק בארעדעוודיק. ער פלעגט זיך אויספרעגן וועגן געזונט, פרנסה און דערנאך ארויסנעמען פון זיינע פיי־פע קעשענעס א פאר אראנזשן, ציטרינען און אנדערע גוטע זאכן צו דערקוויקן א קראנקן. פארן אוועקגיין פלעגט ער געבן אמאל א רובל אדער מער און זאגן, אז דאס האט גע־שיקט א נגיד פון שטאט, וואס וויל נישט, מען זאל וויסן זיין נאמען. אבער דער שטילער און פארבאהאלטענער געבער איז געווען געצל, וואס פלעגט צעטיילן אין א סך שטיבער, אויף וויפל עס האט אים געקלעקט, דאס געלט, וואס ער אליין האט באקומען פון נדבות.

מען דערציילט, אז איינמאל איז געצל אריינגעקומען אין א שטוב פון א גביר, ווו עס זיינען געווען נאך מענטשן און געשפילט אין קארטן. דער בעל הבית איז צוגעגאנגען צו געצלען און אים געגעבן א נדבה. געצל האט נישט געוואלט נעמען די געשענקטע קליינע נדבה און געזאגט, אז ער דארף האבן מער, בפרט נאך, אז אויפן טיש איז געלעגן א היפש בערגל מיט געלט. דער בעל הבית איז דאס מאל אריינגעפאלן אין גרויס כעס און אראפגעלאזט א פייערדיקן פאטש געצ־לען. אז עס האט אים אזש אנגעהויבן צו פינקלען פאר די

אויגן און פון מויל איז ארויסגערונען בלוט. מיט א וויינענ־
דיקער שטימע האט זיך געצל דאן געווענדעט צום בעל הבית
און אים געזאגט: „גוט, ר' גביר. דעם פאטש און דאס פאר־
גאסענע בלוט האט איר מיר געשאנקען, אבער וואס שענקט
איר פאר די קראנקע?" אלע ארום טיש זיינען געוואָרן דער־
שטוינט פון דעם, וואס עס איז פארגעקומען און מען האט
אנגעהויבן געבן גרעסערע סומעס געלט, וועלכע זיינען גע־
קומען פון אלע זייטן. געצל איז דאן אוועק א צופרידענער.

## די לעבנס־געשיכטע פון געצל א שערל

עטלעכע יאר פאר דעם צווייטן וועלט־קריג האב איך זיך
אין לאנדאן געטראפן מיט מיינעם א לאנדסמאן, מיסטער ב.
ער האט מיר דערציילט, אז נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה
האט אים איינמאל באזוכט א מאן, וועלכער האט זיך פאר־
געשטעלט מיט דעם נאמען געצל פרידמאן. ער איז שוין דע־
מאלט געווען אין די זיבעציקער יארן. ער איז געווען שיין
געקליידעט, געשוירן און ראזירט און גערעדט א פערפעקטן
ענגליש. ער האט געלעבט פון געבן העברעאישע לעקציעס.
געצל האט אים דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע. ער האט גע־
שטאמט פון א קליין שטעטל אין פאראליער גובערניע, פון
רייכע עלטערן. איינמאל האט אים דער פאטער געכאפט ביי
א השכלה־בוך, וואס איז געווען „טריפה־פסול". דער פאטער
האט אים אויסגעפאטשט און ארויסגעטריבן פון שטוב. געצל,
נישט האבנדיק שוין מער זיין היים איז געקומען קיין בער־
דיטשעוו און גענעבן לעקציעס פאר יינגלעך. אין דער זעלבער

צייט האָט ער איבערגעלעבט אַן אומגליקלעכע ליבע. ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ שיין מיידל פון שטאָט — און דאָס מיידל האָט אים אויך געליבט. אָבער אירע עלטערן האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן דערצו און זיינען אַוועק פון שטאָט. ווען ער האָט זיך צום לעצטן מאָל געזען מיט זיין היים־געליבט מיידל, האָט זי אים געבעטן, אַז ער זאָל קיינמאָל נישט אָפּשערן זיינע שיינע שוואַרצע האָר. ער האָט עס איר צוגעזאָגט און געהאַלטן וואָרט. דערפאַר האָט מען אים גע־רופן „געצל אַ שערל".

ער פלעגט זיך שטענדיק טרעפן מיט מיסטער ב. אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט מען גערופן מיסטער ב. אין שפּיטאָל, וווּ עס איז געלעגן אַן עלנטער און קראַנקער געצל. פאַרן טויט האָט ער איבערגעגעבן דעם מיסטער ב. זיין לעצט ביסל געלט און געבעטן עס פונאַנדערטיילן צו אָרעמע יידן. ער האָט אויך געגעבן אייניקע העפטן פון זיינע מעמוארן.

אזוי האָט געלעבט און געשטאָרבן „געצל אַ שערל".

# בוכמאַנס טעכטער

**משה** בוכמאַן, אָדער משה דער קעסטל־מאַ־כער, ווי מען האָט אים גערופן, האָט געהאַט אין שטאָט אַ שיינעם נאָמען. קיין עם הארץ איז ער נישט געווען. פּרנסה האָט ער געהאַט בריוות און אויף צרכי ציבור האָט ער זיך שטענדיק אויסגעפּיינט. נעבן טייך האָט ער געהאַט אַן איינן הויז, אין וועלכן ער האָט אויסגעאַרבעט גרויסע קאַסטנס. די „סקרינעס" האָבן הויפּטזעכלעך געקויפט פּויערים. אין דעם גרויסן קאַסטן האָט דער פּויער געהאַלטן זיינע בעסטע חפצים און טאָמער פלעגט פּאַסירן אַ שרפה אין דאָרף, פלעגט מען די „סקריניע", וועלכע איז געווען אויף רעדער, אַרויס־רוקן אויף דער גאַס און דער אומגליק איז געווען קלענער. אויף די קליינע קעסטלעך איז דער הויפּט־קאָנסומענט געווען דער רעקרוט.

די פרוי זיינע, אַ פרומע יידענע און אַ גרויסע ווירטין, האָט געגעבן זייערע דריי טעכטער אַ שיינע יידישע דערצי־

אונג. דאָס זיינען געווען דריי מיידלעך, איינע יינגער פון דער צווייטער מיט איין יאָר. זיי זיינען געווען שיין געבויט, מיט שיינע יידישע פנימער. א לעננערע צייט פלעגט אריינגיין אין הויז בתיה די „שרייבערקע", וועלכע האָט די מיידלעך געלערנט ראַווענען, אַ ביסל חומש און שרייבן פון אַ „בריוו־שטעלער". אַ ביסל רוסיש האָבן די מיידלעך זיך אויסגע־לערנט פון זיך אליין. די מוטער האָט זיי אָנגעגרייט אַ שיי־נעם אויסשטייער און אויך נדן.

יעדע פון די שוועסטער האָט אין הארצן שוין געבענקט, געטרוימט און געוואַרט אויף איר באַשערטן „בדוויטינאָם" (די שפּראַך פון דעם בריוו־שטעלער), אָבער מיט זיי האָט אין לעבן פּאַסירט עפּעס אַנדערש. אין יענער צייט, דאָס איז געווען די צווייטע העלפט פון דעם 19־טן יאָרהונדערט, אין דער צייט, ווען אין דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי", האָט זיך געשפּידט, אַז אָט־אָט וועלן אויסברעכן בלוטיקע פּאָגראָ־מען אויף יידן. איז ווער עס האָט נאָר געהאַט די מעגלעכ־קייט פון די יונגעלייט, האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע. אינ־גיכן איז פון זיי אָנגעקומען גוטע בריוו, אַז דאָס איז אַ גאָלדן לאַנד, אָבער ווער עס וויל קומען, זאָל מיט זיך מיט־נעמען אַ פרוי. און דערפאַר טאַקע האָט זיך אָנגעהויבן אין די שטעט און שטעטלעך אַזוי גערופענע בהלה חתונות. די עלטסטע טאָכטער פון בובמאַנען איז אין אַ גוטע שעה אַ כלה געוואָרן און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט געזאָלט פאָר־קומען די חתונה.

אַלץ איז געווען צוגעגרייט צו דער חתונה. עס זיינען גע־קומען פיל געסט. מען האָט אָנגעגרייט דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. די מוזיק האָט געשפּילט; דער עולם האָט גע־

טאַנצט און מען נייט שוין פירן חתן־כלה צו דער חופּה. אין דער לעצטער מינוט האָט זיך די כלה באַקלערט, אַז איר געפעלט גישט דער חתן. אַלע זיינען געוואָרן איבערראַשט. האָט פּלוצים די צווייטע שוועסטער זיך אָנגערופן: „אויב מיין שוועסטער וויל נישט דעם חתן, וועל איך מיט אים גיין צו דער חופּה". אין דער זעלבער מינוט האָט זי זיך אָנגעטאָן דער שוועסטערס חופּה־קלייד און זי האָט זיך געשטעלט מיט דעם חתן אונטער דער חופּה. ווען די חופּה האָט זיך געענדיקט, פון אַלע זייטן האָט מען געהערט „מזל־טוב! מזל־טוב!", דאַן האָט מען אַוועקגעזעצט חתן־כלה בײם טיש און מען האָט זײ דערלאַנגט די „גאָלדענע יויך". ווען די כלה האָט נאָר גענומען אַ פּאָר לעפל פון דער יויך, האָט זי פּלוצים פאַרוואָרפן מיט דעם קאָפּ און עס איז איר געוואָרן שלעכט צום שטאַרבן. מען האָט זי גענומען ראַטעווען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער כלהס טעלער איז געווען אַ גרויסע דאָזע סם. ווען מען האָט זי קוים אָפּגעראַטעוועט, האָט זיך די עלטערע שוועסטער מודה געווען, אַז צוליב דעם חרטה־געפיל איז איר באַפאַלן אַ משונעת, האָט זי דאָס געטאָן. אין דעם גרויסן גערודער איז דער חתן נעלם געוואָרן.

לאַנג האָט די שטאָט געקאָכט מיט דער געשעעניש. אַלע האָבן פאַראורטיילט די האַנדלונג פון די צוויי כלהס און אָנגעהויבן זיי אויסצומיידן. אַפילו שכנים האָבן אויסגעמיטן דאָס הויז פון משה דעם קעסטל־מאַכער. פון נ״ויס ענגסט־נפש זיינען די עלטערן קראַנק געוואָרן און אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן. די „מוידן", ווי מען האָט זיי גערופן אין שטאָט, האָבן געלעבט איינזאַם און פאַרלוירן פון יערער האָפענונג חתונה צו האָבן. דעם גוט־פּראָספּערירטן קאַסטן־

וואַרשטאַט האָבן זיי נאָך דעם טויט פון דעם מאָלער, ווײַ־
טער געפירט. די עלטערע טאָכטער האָט נאָך אפילו פאַר־
בעסערט די אויסאַרבעטונגען, דערמיט, וואָס זי פלעגט אויף
די קאַסטנס אַליין מאַכן פאַרשידענע בילדער, פּייזאַזשן און
ביבלישע סוזשעטן. אירע נישט־אויסגעלאָדענע ליבעס־געפילן,
איר בענקשאַפט און טרוים האָבן געפונען אַן אויסדרוק אין
די דאָזיקע בילדער.

די יאָרן זײַנען געגאַנגען. די שיינע געדיכטע האָר ביי די
„מוירן" זיינען באַדעקט געוואָרן מיט גרויקייט, ווי מיט
פרישן שניי. די אַמאָל גלייכע פיגורן זיינען געוואָרן איינגע־
בויגן. אין די שיינע זומער־אָוונטן האָט מען זיי געקענט זען
זיצן נעבן פענצטער און מיט מידע, פאַרנעפּלטע אויגן קוקן
אויף דער שיינער וועלט, פון וועלכער זיי האָבן אַזוי ווייניק
גענאָסן...

# פּאַלזאַס אין פּערדיטשעוו

אין דעם קאַפּיטל בײַ איך דערציילן אַ מעשה וועגן האָנאָרע באַלזאַק — דער פראַנצויזישער ראָמאַניסט, וועלכער איז אײַנמאָל געקומען קיין בערדיטשעוו, באַ־זוכן זײַן כּלה, די גרעפין עוואַ האַנסקאַ.

## דער שלאָס פון עוואַ האַנסקאַ

**בײַ** אונז אין חדר, האָבן די ייִנגלעך רער־ציילט מעשיות וועגן דעם שלאָס, וואָס האָט זיך געפונען אינמיטן פון אַ פאַנטאַסטישן פּאַרק. די מעשיות זײַנען גע־ווען איינע שיינער פון דער צווייטער. און איינמאָל שבת, האָב איך, מיט נאָך צוויי ייִנגלעך, אַנשטאָט צו גיין צום רבין לערנען פּרק, אונטערגענומען אַן „עקספּעדיציע" צו באַ־זוכן דעם פאַנטאַסטישן שלאָס מיט דעם פּאַרק. דער שלאָס

האָט זיך געפונען צוויי קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, אויפן זשיטאָמירער שליאַך.

אַנקומענדיק שוין נאָענט צום שלאָס, האָט מען, פאַרשטייט זיך, דעם טויער פאַר אונז נישט געעפנט, ווייל מען האָט זיך וואַרשיינלעך נישט געריכט אויף אַזעלכע חשובע געסט ווי מיר און מיר האָבן געמוזט אַריבערקריכן איבערן פּלויט. דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך אונז געוואָרפן אין די אויגן, זיינען געווען די שטיינדלעך פון פאַרשידענע פאַרבן, מיט וועלכע מיר האָבן אָנגעפילט אונזערע קעשענעס. דאַן האָבן מיר גענומען באַטראַכטן די פיגורן, מיט וועלכע דער פּאַרק איז געווען פול. אויף איין פיגור האָבן מיר געזען אַ יינגעלע, מיט פליגל, וועלכער האָט געשאָסן פון אַ פייל־בויגן. אַ ביסל ווייטער, האָבן מיר באַמערקט אַ פרוי, וואָס האָט פון איין זייט געהאַלטן אַ שאַבטל מיט פיילן און פון דער צווייטער זייט, איז נעבן איר געשטאַנען אַ חיה. נאָכדעם — אַ מאַן, מיט שטאַרק מוסקולירטע הענט און פיס. אַ ביסל ווייטער — נאָך אַ פרוי מיט פאַרבונדענע אויגן און מיט אַ וואָגשאָל אין האַנט און נאָך אַ סך אַנדערע סטאַטועס.

מיר האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און אָנגעהויבן אַרומרעדן וועגן דעם, וואָס עס קען באַרייטן יעדע זאַך, וואָס מיר האָבן דאָ געזען. מיין חבר האָט געהאַלטן, אַז דאָס זיינען אוודאי לעבעדיקע מענטשן, וואָס זיינען פאַרשאָלטן געוואָרן דורך אַ מכשפה — און וויבאַלד זיי זיינען יידן, וועלן זיי זיכער צוריק לעבעדיק ווערן, ווען משיח וועט קומען. מיין צווייטער חבר האָט אויסגעדריקט אַ מער פּעסימיסטישן געדאַנק, אַז דאָס דאַרפן נאָר זיין שדים, וועלכע הויבן זיך אָן באַוועגן ערשט נאָך האַלבער נאַכט. און וואָס שייך די

שטיינדלעך, שטאַמען זיי זיכער פון דעם טייך סמבטיון. טײַן מיינונג איז געווען, אַז מען זאָל אײַנאַנצן נישט קוקן אויף די פיגורן, ווייל די תורה האָט פאַרבאָטן צו מאַכן אַ פסל.

מיר האָבן לײַדער נישט געקענט לאַנג פילאָזאָפירן וועגן די ענינים, ווייל מען האָט אונז קענטיק באַמערקט פון שלאָס און מען האָט צו אונז אַרויסגעשיקט עטלעכע הינט, אַז זיי זאָלן אונז מקבל פנים זײַן.

ס'איז נישט שייך זיך אַליין צו לויבן, אָבער, למען האמת, שטעל איך פעסט, אַז דעם ערשטן העלדישן ווידערשטאַנד האָב איך געשטעלט: איך האָב אָנגעהויבן אַנטלויפן. איין חבר האָט אין איילעניש פאַרלוירן דאָס היטל און דער צווייטער איז אַרוים מיט צעריסענע הייזלעך. נאָך דער ראָזיקער אומפּרייגטלעכער אויפנאַמע, האָבן מיר שוין דעם שלאָס פון באַלזאַקס בלה נישט מער באַזוכט.

## באַלזאַק אין ציפּריסעס אַפּטייק

ציפּריסעס אַפּטייק איז בײַ אונז אין שטאָט געווען די עלטסטע. אויף דעם שילד, וואָס האָט געהאַנגען אין דרויסן, איז אונטערן נאָמען „ציפּרים" אויך געווען אָנגעגעבן, אַז די אַפּטייק עקזיסטירט שוין זייט דעם יאָר 1789. איך פלעג אָפט צוגיין צו דער ראָזיקער אַפּטייק, מחמת, אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער אַפּטייק, איז אַלע מאָל דאָרט געזעסן אַ נאָר אַלטיטשקער מאַן, פון אַ יאָר 90, מיט אַ פּנים פול מיט קנייטשן, שניי־ווייסע באַקן־בערד, קליינער וואוקס, קורץ געקליירעט און אויפן קאָפּ פלעגט ער טראָגן אַ הויך,

זיידן מיצל מיט א גרויסן דאשיק. איך פלעג אים רופן „ריע־רושקא" (זיידע) און ער פלעגט מיך רופן „מאלטשיק" (יינגל). דער אלטיטשקער, דאס איז געווען אלעקסאנדער ציפּרים. אין דער דאזיקער אפּטייק האָבן געאַרבעט זיינע דריי דורות: דער זון, דאס אייניקל און דאס אוראייניקל. דער אלטיטשקער פלעגט מיר דערציילן א סך מעשיות. צווישן זיי — אויך די מעשה, ווי אזוי באלזאק איז געקומען קיין בערדיטשעוו באַזוכן זיין כלה.

בעת באלזאק איז געקומען קיין בערדיטשעוו, דערציילט דער אלטער, האָט ער פּונקט געטראָפן אלע געשעפטן גע־שלאָסן און די שטאָט האָט אויסגעזען פּוסט. ער האָט זיך ארומגעדרייט איבער די גאַסן און געסלעך, האָט ער באַ־מערקט אויף איין אָרט, ווי יידן גייען אנגעטאן אין ווייסן און דאַווענען.

ארומבלאָנדזשענדיק זיך איבער די גאַסן פון בערדיטשעוו, האָט ער פּלוצים דערזען פון ווייטן אַן אַפּטייק מיט א פראנ־צויזישער אויפשריפט „פארמאסיע" און אזוי ווי די טיר איז געווען אָפן, איז ער אריין און ער איז געוואָרן שטארק איבערראשט, ווען מען האָט צו אים גערעדט אין זיין שפּראך. ער איז שוין פארבליבן דער גאַסט פון דעם אַפּטייקער ציפּ־רים, וועלכער האָט אים דערקלערט, אַז אַלץ איז היינט גע־שלאָסן, ווייל ביי יידן איז היינט יום־כיפּור און אַז זיי זיי־נען אויך יידן. אוועקפאָרנדיק פון בערדיטשעוו, איז ער אָבער דאָך געבליבן באַפריינדעט מיט דער פאַמיליע ציפּרים — און ווי מען האָט געשמועסט, האָט זיך זייט דעמאָלט זיין באַציאונג לגבי יידן פאַרענדערט צום גוטן, היות ווי ער איז פריער קיין גרויסער יידנפריינט נישט געווען.

# דער סאַניטאַרער און היגיענישער צושטאַנד אין בערדיטשעוו ביז צו דער רעוואָלוציע

## שלום עליכם און דער בערדיטשעווער דלות

די פּיסקעס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס אָרעמסטע פּערטל פון דער שטאָט בערדיטשעוו. דאָרט האָט געהערשט אַ גרויסע נויט, אַ גרויסער דלות. קיין שום אומה ולשון קען נישט פאַרשטיין אַזוי גוט, וואָס ס'איז אַזוינס דלות, ווי מיר יידן. באַזונדער שטאַרק האָבן עס געפילט די איינוווינער פון די פּיסקעס.

מען דערציילט, אַז שלום עליכם איז אַמאָל געקומען קיין זשמערינקע, פאַראַליעטער גובערניע, כדי דאָרט צו לייענען אַ לעקציע. נעמויזט האָט ער לייענען אויף דער רוסישער שפּראַך. ער האָט פאַרגעלייענט זיין „גימנאַזיע". דער זאַל איז געווען איבערפולט מיט יידן און נישט־יידן און ווי געוויינלעך,

האָט געמוזט אויך זיין אָנוועזנד דער פּריסטאַוו, ווען די פאַרלעזונג איז געווען פאַרענדיקט, האָט זיך דער לעסטאַר געווענדעט צום פּובליקום בזה הלשון:

— מיט אַ פּאָר יאָר צוריק בין איך דאָ געווען. אָבער די שטאָט האָט זיך נישט געענדערט. די זעלבע בלאָטע, דער זעלבער שמוץ, דער זעלבער דלות. נאָר אַזוי ווי דאָ זיינען פאַראַן יידן און נישט־יידן און די לעצטע ווייסן נישט וואָס ס׳איז אַזוינס דלות, בעט איך די יידן איבערגעבן די נישט־יידן דעם דלות. ס׳איז געוואָרן אַ גרויס געלעכטער און אַ גרויסער רעש. אַז דער פּריסטאַוו האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם וויץ, האָט ער אַריינגעזעצט שלום עליכמען אויף 24 שעה אין חד־גדיא.

# די פּיסקעס

ווי עפּעס אַ קרענק, ווי עפּעס אַן עפּידעמיע, האָט די זיך באַוויזן צום ערשטן אויף די פּיסקעס. די הייזער זיינען געווען קליינע, נידעריקע, די געסלעך — נישט ברוקירט. אַלע שמוציקע זאַכן האָט מען געמאַכט הינטער די הייזער. ווינטער, איז דער גאַנצער שמוץ געווען באַדעקט מיט אַ טיפן שניי, אָבער זומער האָבן זיך אויפגעהויבן גאַנצע מיאַזמען בין צום הימל און דער עיפּוש איז געווען אַזוי גרויס, אַז די מענטשן, וואָס זיינען געקומען פון דער שטאָט אויף די פּיסקעס, האָבן זיך געמוזט פאַרשטעלן די נעזער.

דערפאַר איז די שטערבלעכקייט געווען זייער אַ גרויסע, ספּעציעל פון די קינדער. יעדן מאַן איז דאָרט געווען אַ גאַסט

דער לאַנגער ייִד מיט דער שוואַרצער באָרד. ער פלעגט זיך אַרויסכאַפּן פון אַ הייזקע מיט אַ טויט קינד, וואָס ער האָט נעטראָגן אין זיין קאַפּאָטע, פּאַרבייגנדיק איין עק. אין אַלע שכנותדיקע הייזער האָט מען אויסגעגאָסן דאָס וואַסער, ווייל אין אים האָט דער מלאך־המות אָפּגעוואַשן זיין חלף.

קיין שום ביימעלע, קיין שום גרעזעלע, האָט מען נישט געקענט זען אויף די פּיסקעס. די פּרויען זיינען נעווען אויסגעמוטשעטע פון קינדלעך. זיי פלעגן זאָגן: וויפל ג־ט גיט קינדער — אַזוי פיל דאַרף מען נעמען. די קינדער זיינען נעווען, דאָס רוב, ראַכיטישע, טובערקולאָזע. די פּאַטערס פון די פאַמיליעס האָבן געאַרבעט צו 15—16 שעה אַ טאָג און פונדעסטוועגן נאָך אַלץ נישט באַוויזן אויסצוהאַלטן זייערע משפּחות.

אויף אַרויסקריכן פון דער נויט זיינען נעווען צוויי וועגן: איין וועג האָט געפירט אויף רעבטס צום וואָקזאַל, ווו מען פלעגט נעמען אַ בילעט קיין ראַדזיוויליאָוו. פון דאָרט איז מען אַריבער די גרענעץ דורך בראָר. פון בראָד — קיין אַמעריקע. דער צווייטער וועג האָט נעפירט — פּאַר די ווייניקער גליקלעכערע — אויף לינקס, אויף זשיטאָמירער גאַס, העט־אַרויף, נאָך דער ראַגאַטקע, צו הערשל עירעס דעם סברן. דאָרט האָט דער אָרעמער ייד שוין נעהאַט פרישע לופט און נעקענט אויף אייביק אויסרוען זיינע ביינער.

## רופאים און פעלדשערס

אַזוי ווי אַן אינזל אינמיטן פון ים, אַזוי איז נעשטאַנען

איין הויך און שיין הויז אויף די פּיסקעס. ס'איז נעווען ארומגענומען מיט א פּארקן, די קינדער זאָלן נישט קענען רייסן די פּירות.

דאָס שיינע הויז האָט געהערט צו מלך רופא. פּאַרטאָג פלעגט ער אַרויספאָרן אויף זיינע וויזיטן מיט א פערד און וועגעלע. דער קוטשער, א גוי מיט צוויי הויקערס, האָט גע־טריבן דאָס פערד איבער די פּיסקעוואַטע בלאָטעס מיט א שנעלן טעמפּאָ. ביי א קראַנקן פלעגט זיך מלך רופא פאַר־האַלטן געציילטע מינוטן, אָבער ער האָט באַוויזן צו שטעלן דעם ריכטיקן דיאַגנאָז. ליידיגע אָדער שרייבן רעצעפּטן האָט ער נישט געקענט. ער פלעגט מיט זיך מיטברענגען א טייל מעדיקאַמענטן, און אַנדערע פלעגט ער הייסן קויפן אין דער אַפּטייק. ס'זיינען געווען ביי אים צוויי־דריי רפואות: אָדאַ־מאַטנע עסיק מיט מערעשקע־ספּירט, אָדער אַלטיי־סיראָפּ מיט וויזעווע צוויט. זיינע מעדיקאַמענטן פלעגט אים צוגרייטן זיין איינציקער זון, וועלכער האָט ביי זיך איינגעאָרדנט א לאַבאָראַטאָריום. פאַר א וויזיט פלעגט ער נעמען פון 20 ביז 30 קאָפּיקעס. ער האָט זיך גערעכנט פאַר דעם בעסטן פעלד־שער.

אויף דער זשיטאָמירער גאַס איז געווען צו באַמערקן אויף א הויז זייער א גרויסע שילד, געשריבן אויף רוסיש: סטאַר־שי מעדיצינסקי פעלדשער אי אַספּאָפּריוויוואַטעל ש. שאַרף. דאָס האָט געהייסן אויף פּראָסט מאַמע־לשון — אַן עלטסטער מעדיצינישער פעלדשער און פּאָקן־שטעלער.

נישט ווייט פון אים האָט געוווינט דער פעלדשער סאָקאָל, אָדער ווי די ווייבער האָבן אים גערופן — סאָקאָלאָוו. דאָס איז געווען א דיפּלאָמירטער פעלדשער, א פריילעכער, א צו־

געלאַזטער. אַז ער פלעגט קומען צו אַ קראַנקן, פלעגט ער באַלד זאָגן: קיינע געפאַר, קיינע געפאַר...

אַ ביסל ווייטער האָט געוווינט יענקל רופא, אָדער דער פּראָסקורעווער. ער איז געווען אַן עלטערער ייד, אַ רואיקער און אַ באַטראַכטער. ער האָט געקענט פאַרשרייבן אַ רעצעפּט און מען האָט פון אים זייער געהאַלטן.

הינטער דער גרעבליע האָבן זיך געפונען נחום רופא, אהרן רופא, דער דיפּלאָמירטער קראַוועטשענקאָ (אפשר נאָך אַ קרוב פון דעם, וואָס האָט אויסגעקליבן די פּריוויהייט?) דער גרעסטער און פּאָפּולערסטער פעלדשער אין יענעם שטאָט־טייל איז געווען סאָלאָגוב. ער איז אויך געווען דיפּלאָמירט און געהאַט זייער אַ גרויסע פּראַקטיק.

אין צענטער פון שטאָט האָט געוווינט דער פעלדשער מינדלין. דאָס איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער טיפּ. אַ קליין מענטשעלע מיט אַ שיין, איידל געזיכט. ער פלעגט אַרומפאָרן פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. אים פלעגן נעמען די דאָקטוירים, ער זאָל זיי צוהעלפן ביי פאַרשידענע אָפּעראַציעס. ביי זיך אין דער היים פלעגט ער אויפנעמען יונגעליים, וועלכע ער פלעגט היילן זייערע ווענערישע קראַנקייטן. זיין לעבן האָט ער פאַרענדיקט טראַגיש. ער האָט זיך אויפגעהאַנגען עטלעכע יאָר נאָך דער רעוואָלוציע.

## אַנדערע ספּעציאַליסטן

אויסער די דאָזיקע פעלדשערס האָבן זיך נאָך אין שטאָט געפונען פאַרשידענע ספּעציאַליסטן, וואָס פלעגן „היילן”

קראַנקע. אַפּטמאַל פּלעגן זיי ברענגען די קראַנקע צו אַזאַ שווערן צושטאַנד, אַז אַן אמתער ראָקטער האָט זיי שוין נישט געקענט מער העלפֿן.

אָט נעמט, למשל, דאָס געוועלבל פֿון פּיינע לאה, וואָס האָט זיך געפֿונען פּונקט אַנטקעגנאיבער דער אַלטער שול. אויף דער טיר זיינען געווען אויפֿגעהאַנגען זעקלעך מיט פֿאַרשי־דענע קרייטעכצער. ווען מען פֿלעגט אַריינגיין אין געוועלבל, האָט מען דאָרט געזען שטיין אַ ייִדענע מיט אַ פּאָר ברילן אַרויפֿגערוקט אויף דעם שטערן. אָט שטייט נעבן איר אַ קונה — אַ יונגע פֿרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט, אַ קינד אין בויך און עטלעכע קינדערלעך שלעפּן זיך נאָך ביים קליידל. זי זאָגט עפּעס אַ סוד פּייגע לאה'ן. יענע לאָזט אַראָפּ די ברילן איבער די אויגן, גייט צו צו אַ פּאָליצע, נעמט אַרויס אַ פּעקעלע מיט קרייטעכצער און זאָגט איר ווי אַזוי זי דאַרף זיך דערמיט באַגיין. בעת ביי איר האָבן זיך געפֿונען עטלע־כע קונים מיטאַמאָל, פֿלעגט זי פֿאַר זיי האַלטן אַ רעדע. איר נעם, פֿלעגט זי זאָגן, ביי מיר באַקומט איר פֿאַר עטלעכע קאָפּיקעס אַ רפֿואה שלימה. אָבער זיי (דאָס האָט זי געמיינט די דאָקטוירים) נאַרן ביי אייך אויס די פּאָר קערבלעך און זיי פֿאַרשרייבן אייך עפּעס אַ מאַכערייקע אין דער אַפּטייק, וואָס העלפֿט נאָרנישט. קרייטעכצער האָט זי געהאַט צו וואָס איר ווילט נאָר: צו קאָפּ־ווייטיק, ציין־ווייטיק, בויך־ווייטיק, צו פֿרויען־קראַנקייטן, אפֿילו צו ליבע האָט זי אויך געהאַט אַ מיטל.

פּאָפּולער איז אויך געווען אין שטאָט די ציפּערין, וועלכע האָט געהיילט די פּאַרכעס. אַז מען פֿלעגט נאָר געבן אַ קוק אויף דער ייִדענע, איז באַפֿאַלן אַ שרעק, נישט נאָר אויף די

קינדער, נאָר אויך אויף דערוואַקסענע מענטשן. אַ ברייט פּנים, אָנגעגאָסן מיט בלוט, מיט גרויסע הענט און פיס. זי פּלעגט אויסצופּן איינציקע האָר און דאַן באַשמירן מיט אַ ספּעציעלע זאַלב, דאָס וואָס שפּעטער מיט יאָרן האָט דער „צוג", צי דער „סאָז" אויסגעהיילט אין משך פון איינציקע וואָכן, האָט די יידענע, די ציפּערסע, געהיילט אין משך פון יאָרן, און דער סוף איז געווען, אַז מען איז געבליבן בײַם פּאָרך, אָדער אין בעסטן פאַל — אָן האָר אויפן קאָפּ.

## די טאַטערקע

אַ פרוי מיט אַ בלאַס געזיכט, מיט שוואַרצע האָר, מיט טיפּישע טאַטערישע אויגן, איז אויך געווען פאַררעכנט צו די, וואָס האָבן געגעבן די ערשטע מעדיצינישע הילף. זי האָט געמאַכט דעם קראַנקן פאַרשידענע מאַניפּולאַציעס אויף דעם פּנים. בשעת מעשה האָט זי געמורמלט אויף איר שפּראַך פאַרשידענע, אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. נאָך יעדן מאָל אָפּשפּרעכן, פלעגט זי אויסשפּייען טרוקענערהייט עטלעכע מאָל. אויסקנייענדיק, האָט זי איבערגעלאָזט דעם קראַנקן עטלעכע שמאָלע, לאַנגע פּאַפּירלעך, אויף וועלכע ס'איז געווען אָנגעשריבן מיט אַ געלער פליסיקייט עפּעס אויף טאַטעריש. די פּאַפּירלעך האָט מען געדאַרפט אַריינלייגן אין אַ גלאָז וואַסער און געבן אויסטרינקען דעם קראַנקן. פון דעם איז די טאַטערקע געהאָלפן געוואָרן מיט אַ רובל.

## דאַבריש די באָבע

אויסער דעם, וואָס זי פלעגט אָפּנעמען קינדער, האָט זי געהאַט נאָך אַ פאַך — זי איז געווען די גרעסטע ספּעציאַליס־טין אויף אָפּשפּרעכן „אַ גוט אויג" (עין הרע). דאָס פלעגט זי מאַכן אָן געלט, נאָר לשם מצוה. נישט איינמאָל פלעגט מיך שיקן די רביצין, ווען איך בין געווען אַ חדר־ייִנגל, צו דאַברישן, אַז זי זאָל איר אָפּשפּרעכן אַ „גוט אויג". דאָס פלעגט זי אויך מאַכן הינטער די אויגן. מען פלעגט זאָגן דעם נאָמען פון דער פּערזאָן און דער מוטערס נאָמען. דער אינ־האַלט פון אָפּשפּרעכן איז דער: דריי ווייבער זיצן אויף איין שטיין, איינע זאָגט, אַז שרה בת רחל האָט געכאַפּט „אַ גוט אויג". די צווייטע זאָגט, אַז ניין. די דריטע זאָגט: פון וואַ־נען עס האָט זיך גענומען, אַהין זאָל דאָס גיין. אויף פּוסטע וועלדער, אויף פּוסטע פעלדער, ווו קיין מענטשן גייען נישט, ווו קיין הענער קרייען נישט, אַהינצו זאָל דאָס גיין, און דאָרט זאָל דאָס בלייבן שטיין. זי פלעגט דאָס זאָגן דריי מאָל, דריי מאָל טרוקן אויסשפּייען — און דעם קראַנקן פלעגט באַלד בעסער ווערן...

## דאַקטוירים: דער אַלטער דור

די איינוווינער פון די איבעריקע שטאָט־טיילן האָבן גע־לעבט אין בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און טאַקע דער־פאַר איז דער סאַניטאַרער און היגיענישער צושטאַנד ביי זיי געווען אַ פיל בעסערער. אין מיטן דער שטאָט איז געווען אַ

גרויסער בולוואר באַזעצט מיט ביימער, וואָס האָט זיך נע־
צויגן ביז צום וואָקזאַל. ס'איז אויך געווען אַ שיינער פּאַרק
עלדאָראַדאָ און אַ צווייטער סאַן־סוסי, ווו מען פלעגט שעפּן
פרישע לופט. די מענטשן פלעגן זיך אויך דערלויבן אַרויס־
צופאָרן אויף אַ דאַטשע. ס'זיינען אפילו געווען אַזעלכע,
וואָס פלעגן אַרויספאָרן אין אויסלענדישע קור־ערטער. אין
דעם שטאָט־טייל, אויב עמעצער איז קראַנק געוואָרן, פלעגט
מען זיך זייער זעלטן באַנוצן מיט אַ פעלדשער. מען פלעגט
זיך גלייך ווענדן צו אַ דאָקטאָר, אַ ספּעציאַליסט.

די דאָקטוירים טייל איך דאָ איין אין צוויי קאַטעגאָריעס.
צו דער ערשטער קאַטעגאָריע ווערן ביי מיר פאַררעכנט די
דאָקטוירים פון דעם אַלטן דור, דאָס הייסט די, וועלכע איך
האָב געקענט אין מיינע קינדער־יאָרן. צו דער צווייטער קאַ־
טעגאָריע — די דאָקטוירים, וועלכע זיינען צוגעקומען ערב
דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אָט זיינען די דאָקטוירים לויטן אלף־בית. דאָס זיינען די
אַלטע דאָקטוירים:

דר. אַלמאַז — אויערן, נאָז און האַלז; דר. אַנשילעס —
גינעקאָלאָג; דר. באַומהאָלץ — אַלגעמיינע קראַנקייטן. דאָס
איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער מאַן. ווען איין פוס וואָלט
ביי אים נישט געווען קורצער פון צווייטן, וואָלט ער געווען
אַ קאָפּיע פון דאָן קישאָט; דר. געלבאַך — כירורג; דר.
נאַרענשטיין — אַלגעמיינע קראַנקייטן; דר. דינאָווסקי —
אַ פּאָליאַק, אַלגעמיינע קראַנקייטן; דר. טשערני — אַלגעמ.
קראַנקייטן; דר. עפּשטיין — אָקוליסט. ער איז אויך געווען
דער אָנפירער פון דער „ייקאַ"־געזעלשאַפט; דר. פּעשינסקי —
אַ פּאָליאַק, אַלגעמיינע קראַנקייטן. אַפּטאָל, נאָך זיין אוועק־

גיין פון אַן אָרעמען קראַנקן, פּלעגט מען געפינען אונטערן קישן אַ פּאָר רובל, וואָס דער דאָקטאָר פּלעגט אונטערוואַרפן; דר. צמחמאַן — אויערן, האַלז און נאָז. מערקווירדיק איז דאָס, וואָס ער אַליין איז געווען אינגאַנצן טויב. צו אים פּלעגט מען רעדן דורך זיינע אַסיסטענטן. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן אויף דעם דאָזיקן געביט; דר. קודיש — גינעקאָלאָג און אַלגעמיינע קראַנקייטן. דאָס איז געווען אַ מאַן, אַ הויכער, אַ דיקער, מיט גרויסע, געדיכטע וואָנסן, אונטער וועלכע עס האָבן זיך געזען דיקע, פליישיקע ליפּן. אַז ער פּלעגט פאָרן אויף זיינע וויזיטן, פּלעגט דער קוטשער פאָרן פּאַרויס און ער פּלעגט נאָכגיין צופוס. ערשט ווען ער פּלעגט שטאַרק מיד ווערן, פּלעגט ער זיך אויפזעצן אויף דער דראָזשקע; דר. קושניער — גינעקאָלאָג. ער איז אויך געווען אַן אייגנטימער פון אַ קליניק פאַר קימפּעטאָרינס; דר. קעסטעלמאַן — קינדער־קראַנקייטן; דר. ראַוויטש — פרויען־ און אַלגעמיינע קראַנקייטן; דר. ד. מ. שרענצים — אַלגעמיינע קראַנקייטן; דר. שפּערלינג, דער אָרדינאַטאָר פון יידישן שפּיטאָל. ער איז געשטאָרבן אין עלטער קרוב צו די 100 יאָר.

די צווייטע קאַטעגאָריע דאָקטוירים:

די דריי ברידער דעקעלמאַן. בשעת דער רעוואָלוציע אַריבערגעפּאָרן קיין קיעוו; דר. לאַמדאַן — אַלגעמיינע קראַנקייטן, געשטאָרבן בערך אין יאָר 1918; דר. לאַפּרון — מיליטערישער דאָקטאָר; דר. ניעבראַט — מיליטער־דאָקטאָר, געשטאָרבן פון פלעקן־טיפוס אין יאָר 1918; דר. ליכטענפעלד — מיליטער־דאָקטאָר, אומגעקומען פון די באָלשעוויקעס; דר. מענאַקער — אַלגעמיינע קראַנקייטן. און איצט — אחרון

אחרון חביב — דר. ל. וואולמאן, א פּאָפּולערער, זייער חשוב־בער דאָקטאָר און כלל־טוער, דער גענעראַל־סעקרעטאָר פון אַלוועלטלעכן „אָזע" אין ניו־יאָרק.

דער איינציקער הייל־אַנשטאַלט איז געווען דער ביקור־חולים. אין א גרויסן און פּראַכטפולן פּארק, צווישן הויכע און געדיכטע ביימער, האָבן זיך געפונען עטלעכע גרויסע געביידעס פון דעם יידישן שפּיטאָל, וועלכער איז געווען פאַר־זאָרגט מיט די בעסטע איינריכטונגען. דער שפּיטאָל איז גע־גרינדעט געוואָרן אין די 60־ער יאָרן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

## די אַפּטייקן

ציפּריסעס אַפּטייק איז געווען די עלטסטע אין דער שטאָט. אויף דער שילד איז געווען (ווי אויבן דערמאָנט) אַן אויפ־שריפט: „עקזיסטירט פון דעם יאָר 1789". דאָמאַנסקיס אַפּ־טייק. דאָמאַנסקי איז געווען א פּאָליאַק. זייער א שיינער מאַן, מיט א גאָבעלן פּנים, מיט א לאַנגער, ווייסער באָרד, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט צוויי שפּיצן. אַלע אָנגע־שטעלטע זיינען געווען יידן. דאָמאַנסקי האָט אויך גערעדט א שיינעם יידיש. אז א דאָקטאָר פלעגט שרייבן א רעצעפּט און צונעבן „פּראָ פּאַאופּעריס", דאָס הייסט פאַר אַן אָרע־מען, האָט דאָמאַנסקי גערעכנט דעם קלענסטן טאַריף, אָדער ער האָט אינגאַנצן געגעבן דעם רעצעפּט אָן געלט.

שיפּעראָוויטשעס אַפּטייק, האָמעאָפּאַטישע, אָדער גראַפּל אַפּטייק, זיעמסקי־אַפּטייק; פּאַפּירעטשנע אַפּטייק; ווראָבלעווו־

סקים אפטייק; טשודנאָווסקים אפטייק; ראַוויטשעם אַפּטייק; באראצם אַפּטייק; פעלדמאַנס אפטייק. פעלדמאַן איז געווען א פינסקער ייד. ער האָט געקענט זייער גוט לערנען, איז גע־וועזן א למדן. וועגן אים פלעגט מען דערציילן א וויץ: איינ־מאָל, ווען די פרוי איז געזעסן ביי דער קאסע און א קונה האָט איר באצאָלט א רובל מיט 25 קאָפּיקעס, האָט זי באַ־מערקט, נאָכדעם ווי דער קונה איז אַוועקגעגאַנגען, אז דער זילבערנער רובל און דער זילבערנער צוואַנציקער זיינען גע־ווען פאַלשע. זי האָט זיך א לאָז געטון זוכן דעם קונה, נאָך דער מאַן האָט זי פאַרהאַלטן. ער האָט געזאָגט: לאָז אים לוים, אין די קופערנע 5 קאָפּיקעס האָבן מיר שוין אויך ריוות. סאָלאַדאַרס אַפּטייק, פון וועלכן די דרום־דיקע פענצ־טער האָבן אַרויסגעקוקט אויפן אַלטן בית־עלמין.

מיט דעם פאַרענדיק איך מיין באַריכט וועגן דעם סאַני־טאַרן און היגיענישן צושטאַנד אין בערדיטשעוו ביז צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

# איטע רחל און איר געוועלבל

**אנטקעגן** דעם הויף פון אליעקסי דעם שמיד, דעם איינציקן גוי, וואָס האָט געוווינט אויף די פּיס־סעס, האָט זיך געפינען דאָס הויז און דאָס געוועלבל פון איטע רחל דיער מוטשניטשקע (די מעל־הענדלערין). ביי איר אין געוועלבל, א חוץ עטלעכע זעקלעך מעל, האָט איר דאָרטן געקענט געפינען אַלץ, וואָס אייער האַרץ גלוסט. דאָס איז געווען א יידענע, פעסט געבויט, אין די עלטערע יאָרן. קינ־דער און קינדס־קינדער האָט זי געהאַט א סך, אָבער זי האָט געלעבט זעלבסטשטענדיק, און ביי איר אין געוועלבל האָט איר צוגעהאָלפן א יינגל, אירער אַן אייניקל, מיטן נאָמען יאָסל. אַט שטייט א גרויסע פאַס מיט הערינג, איבערגעלייגט א ברעט, אויף וועלכער ס׳האָבן זיך געפונען אָנגעשניטענע שטיקלעך הערינג, וועלכע ס׳האָבן זיך פארקויפט צו א קאָפּי־קע א שטיקל. אין אַן אַנדערווינקל איז געלעגן א ברעט, אויף וועלכער ס׳האָבן זיך געפונען פּירקאָנטיקע שטיקלעך

אפגעקאכטע און צעקוועטשטע ארבעס. אזא מאכל האט אויך געקאסט א קאפיקע א שטיקל, און אין ווינקל איז געשטאנען א גרויסע כלי מיט מילך. וויטער א כיסל, א פעסל מיט בוים־אייל און אויך א פאס מיט קעראסין. אויף איר בגד האט מען געקענט זען אלע קאלירן פון א רעגן־בויגן. אויך האט פאר־מאגט דער בגד אלע ריחות: פון נאפט, בוימאייל, בשמים א. ד. ג. דאס געוועלבל איז געווען שטענדיק איבערגעפולט מיט מענטשן, ווייל א חוץ דעם, וואס די ווייבער האבן דא געמאכט פארשידענע קניות, האט מען דא געקענט געוויר ווערן פון אלץ און פון אלעמען. אלע נייעס, וואס זיינען פאר־געקומען אויף די „פיסקעס" אדער אין דער שטאט, אדער אפילו דאס, וואס ס'איז פארגעקומען מיט די יידן פון די פיסקעס, וועלכע האבן עמיגרירט. מעבור־לים, האט מען זיך אויך דערוווסט ביי איטע־רחלען אין געוועלבל. אט גייט א־ריין א יידענע קויפן פאר א פאר קאפיקעס הערינג, נעמט נאך אין א גלאז א ביסל „ליאנג" (דאס איז געווען די פליסי־קייט, אין וועלכע ס'האבן זיך געבאדן די הערינג), מיט די ליאנג פלעגט די מוטער באשמירן די קינדערלעך א שטיקל ברויט, פאר א קאפיקע צוקער און א קאפיקע ציקאריע און נאך אלס א „דעסער" א פאר שטיקלעך געקאכטע, צעקוועטש־טע ארבעס, איז געווארן פארענדיקט איר קניה און זי גייט דערמיט אהיים ברענגען די קינדער א שפייז צו מיטאג. דער שרייבער פון די שורות, וועלכן די רביצין האט געשיקט אלע טאג קויפן פאר איר פארשידענע זאכן, האט זיך צו אלעמען צוגעקוקט און צוגעהערט און דאס האט זיך ביי אים איינגעקריצט אין זכרון אויפן גאנצן לעבן. אט גייט אריין פייגע די אמעריקאנערין, און, מיינט איר חס ושלום

אז זי איז פון אמעריקע, האט איר א גרויסן טעות. זי האט קיינמאל נישט פארלאזט די פיסקעס. נאך פריער מיט דריי יאר, האט מען זי געקרופן פיינע גדליה׳ס, אבער זינט איר מאן גדליה איז אוועקגעפארן קיין אמעריקע, האט מען זי געקרוינט מיט א צונאמען פיינע די אמעריקאנערין. גדליה איז געווען א שטריקל־דרייער. אין די זומער־דיקע חדשים האט ער זיך פארקליבן אין א שטיל געסל, ווו דער פארקער איז געווען א קליינער און האט געדרייט זיינע שטריק. איין ברעג פון א שטריקל איז געווען צוגעבונדן צו א הויז און דער צווייטער איז געווען צוגעבונדן צו א פרימיטיווע ווע־בערישטול, וועלכע איז באשטאנען פון א בענקל, אויף וועלכן ס׳האט זיך געפונען א הילצערנער וואליז, פארענדיקט מיט א הילצערנער ראד, צו וועלכער ס׳איז געווען צוגעבונדן דער צווייטער ברעג פון דעם שטריקל. דער וואליז איז געווען אנ־געריבן מיט קרייד, און צו ברענגען דאס אין באוועגונג, איז געשטאנען א יינגל פון א יאר פופצן־זעכצן (15—16) און אין ביידע הענט האט ער געהאלטן א שמאל לאנג ברעטל, אויך אנגעריבן מיט קרייד, און דריקנדיק מיטן ברעטל אויפן וואליז, איז געקומען אין באוועגונג די ראד און אזוי האט זיך פאבריצירט די שטריק. גדליה אליין איז געגאנגען ארומ־געבונדן מיט א גארטל, פון וועלכן ס׳האבן געשטעקט גרוי־סע שטיקער קלאטשע. אויך די לאנגע, שווארצע באַרד איז געווען באהאנגען מיט שטיקער קלאטשע, ביז ארויף צום שטערן. פון דער ווייטנס, אז מ׳האט א קוק געטון אויף אזא באשעפעניש, האט איר געקענט מיינען, אז דאס איז א קע־ניג פון אן אינדיאנישן שבט. נישט איינמאל, ארויסכאפנ־דיק זיך פון חדר (ביי בן־ציון דעם מלמד האב איך געלערנט),

האָב איך ליב געהאַט זיך צוקוקן, ווי אַזוי גדליה האָט גע־
דרייט זיינע שטריק. איך האָב אפילו איין מאָל זוכה געווען
אויסבעטן ביי דעם יינגל, ער זאָל מיר געבן אַ פּאָר מי־
נוט אַ רערלויבעניש צו דרייען דאָס רעדל, דריקנדיק אויף
דעם וואַלץ. יום־טובים־צייט, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער
סעזאָן פון שטעלן אונטערקעס אויף ווינטער און די ווייבער
האָבן אָנגעהויבן צוגרייטן צו דעם צוועק פעסער, האָט זיך
געשפּירט אַ גרויסער מאַנגל אין באָנדערס. און דאָ זעען מיר
גדליה׳ן בשעת דעם סעזאָן מיט אַ בינטל הילצערנע רייפן
אויף דעם אַקסל און אַרום בויך אַ פאַסיק, צו וועלכן ס׳זיי־
נען געווען צוגעבונדן אַלע כלי מכשירים צו באָנדעריי. אַז
דער סעזאָן האָט זיך אויך געענדיקט, איז אונזער גדליה
געוואָרן אַ גלעזער, און דעם סעזאָן פון גלעזעריי האָט ער
שוין דורכגעמאַכט ביז פּסח־צייט. פון די אַלע מלאכות האָט
ער געהאַט ווייניק פּרנסה און נישט געהאַט גענוג צו שפּייזן
זיין פאַמיליע. און טאַקע צוליב דעם, איז ער געווען געצוווּנ־
גען אַוועקצופאָרן מעבר־לים. יעצט איז ער דאָרטן אין דעם
„גאָלדענעם לאַנד" אָלרייט. אויף דעם צוגעשיקטן פּאָטאָ איז
צו זען, אַז די שיינע שוואַרצע באָרד איז כמעט אַראָפּגענומען.
מ׳זאָגט נאָך אויף אים, אַז זינט ער איז אַריינגעטראָטן אין
„בונד" איז אַ סברא, אַז ער האָט אויפגעהערט צו דאַווענען.
נאָר ווער גלויבט אַלץ אין דעם וואָס מען זאָגט? דער עיקר
איז, אַז ער שיקט צו זיין משפּחה פון צייט צו צייט אַ פּאָר
דאָלאַר און פון זיין שווערער אַרבעט, וואָס ער פאַרדינט
ביי פּרעסעריי, שפּאָרט ער אָפּ אַ סענט צו אַ סענט און קלייבט
דאָס געלט אַראָפּצונעמען צו זיך זיין פאַמיליע.

אָט שטייט דאָ אַ פרוי, רחל־לאה רופט מען זי. זי קען

זיך גאָרנישט אָפּלויבן פון איר בן יחיד, טוביה. דאָס איז א יינגל, וואָס האָט זייער ליב צו לערנען, ער איז א גרויסער מתמיד, אָבער אויך נישט קיין קליינער לאָבוז. אָט האָט מיט אים פּאַסירט יענע וואָך אַזאַ געשיכטע:

ער האָט געטראָגן א פּאַרדראָס אויף זלמן דעם וואַסער־פירער, פון וועלכן ער האָט געליטן אַן עוולה, האָט ער אים אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל: ווען זלמן דער וואַסער־פירער איז אַרויסגעפאָרן מיט א פולע פאַס מיט וואַסער, האָט ער זיך אונטערגעגנבעט צו דער פאַס, אַרויסגענומען דעם צאַפּן, און איידער זלמן איז אַרויסגעגאַנגען א קוק טון, איז אויסגעגאָסן געוואָרן די וואַסער, והילד איננו — דער בחור איז אַוועק.

נאָך ווייבער דערציילן אַנדערע גליקן און אויך זייערע אומגליקן. איטע רחל הערט אַלעמען אויס מיט גרויסער אויפמערקזאַמקייט. אייניקע העלפט זי מיט אַן עצה, אַנדערע — אויף אַן אַנדערן אופן. צום ביישפּיל: ווען זי האָט געזען א פרוי, וואָס זי קוועלט זיך זייער אין געלט, האָט זי זיך כלומרשט טועה געווען אויף דער וואָג, אויף דער מאָס ווי אויך אין חשבון. אַז די אָרעמע פרוי איז געקומען אַהיים, האָט זי באַמערקט, אַז פאַר די אויסגעגעבענע פּאָר קאָפּיקעס האָט זי באַקומען זייער א סך סחורה. ווענן אַזעלכע זאַכן האָט קיינער נישט געוווּסט. אפילו דאָס אייניקל יאָסל האָט אויך נישט באַמערקט. פון אַזעלכע שיינע טאַטן, איז איטע־רחל גאָרנישט אָרעמער געוואָרן. פונקט פאַרקערט. זי האָט געזען, אַז די ברכה געפינט זיך ביי איר אין אַלע ווינקעלעך. דעם זעלבן דרך. נאָך ביי איר לעבן, האָט אָנגעהויבן פירן אירע א טאָכטער, אָבער נאָך אין גאָר א גרעסערער מאָס. דאָס איז געווען בת־שבע דעקלמאַן, אָדער ווי מ'האָט זי גע־

רופן בת־שבע די באַנקירערין. דעם לעצטן צונאָמען האָט זי באַקומען דערפֿאַר, וואָס די גרעסטע טייל פֿון די אָרעמע הייזלעך אויף די פּיסקעס זײַנען געווען אויסגעבויט דורך דעם געלט, וואָס זי האָט אויסגעבאָרגט פֿאַר גאָר קליינע פּראָ־צענטן. טאָמער האָט אַן אָרעמער בעל־מלאכה זיך צונויפֿ־געשטעלט אַ הונדערט אָדער הונדערט און פֿופֿציק רובל, איז ער געקומען צו בת־שבע'ן און זי האָט אים שוין דאָס איבע־ריקע אויסגעבאָרגט. אין אַ צייט אַרום איז דאָס הויז שוין געווען אויסגעבויט און אַלע וואָך האָט ער דעם חוב אויסגע־צאָלט. פּרייטיק נאָך מיטאָג פֿלעגט בת־שבע פֿאַרמאַכן דעם גרויסן מאַגאַזין אין דער נייער שטאָט. דער מאַן איז אַוועק־געגאַנגען זיך צוגרייטן צו שבת. דער עלטסטער פֿאַרקויפֿער אירער, וואָס האָט געטראָגן אַ כאַראַקטעריסטישן נאָמען „באָרכי באָרכשמיי" (בדוך הוא וברוך שמו), (אַזוי איז ער אויך געווען פֿאַרשריבן אין זײַנע אָפֿיציעלע פּאַפּירן), האָט געזאָגט אַ גוטן שבת און אַוועק צו זיך אַהיים און בת־שבע איז געגאַנגען זיך באַשעפֿטיקן מיט אירע אָרעמע־לייט. עס זײַנען שוין געווען אַ סך אָרעמע־לייט, וועלכע פֿלעגן קומען יעדן ערב־שבת, און זי האָט יערן געגעבן צוויי חלות, אַ פֿלעשל ראָזינקע־ווײַן און אויך עטלעכע ליכטלעך אויף בענטשן ליכט. צו דעם אַלעמען האָט זי נאָך צוגעגעבן עט־לעכע קאָפּיקעס און יערן אָרעמאַן באַנלייט מיט עטלעכע טרייסט־ווערטער. ס'איז איבעריק צו דערציילן, וואָס פֿאַרא ברכות די פּרווי האָט באַקומען פֿון די אָרעמע־לייט. אַזוי האָט זי זיך געפֿירט ביז צו דער רעוואָלוציע.

# דער צירק ברענט

אומגעפער מיט א 72 יאָר צוריק איז פאָרגעקומען אין בערדיטשעוו א געשעעניש, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע וועלט און איבעראַל האָט מען גערעדט וועגן דעם. שוין מיט עטלעכע וואָכן פריער האָט מען גערעדט אין בערדיטשעוו וועגן א צירק, וואָס דאַרף אראָפּקומען פון קיעוו קיין בערדיטשעוו, און קינד און קייט האָבן זיך געגרייט צו גיין באַזוכן דעם צירק. סוף כל סוף איז די גליקלעכע שעה, אָדער, בעסער געזאָגט, די אומגליקלעכע שעה געקומען. מען האָט אויסגעבויט א געביידע פון ברעטער פאַר דעם צירק. דאָס האָט זיך געפונען אויף מאַכנאָווקער גאַס, אויף דער טאַרנאָוויצע, דאָס הייסט דער מאַרק־פּלאַץ, וואָס אין יענער צייט פלעגן פאַרפאָרן פויערים פון אַרומיקע דערפער און פאַרקויפן דאָרטן זייערע פּראָדוקטן. די געביידע איז געווען א גרויסע, צונויפגעשטעלט בלויז פון ברעטער און קלעצער. די איינציקע טיר איז געווען א גרויסע און א ברייטע, אָבער דער אומגליק, וואָס האָט גורם געווען די

קאַטאַסטראָפע, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די טיר האָט
זיך אויפגעעפנט אויף אינעווייניק. דאָס איז געווען אין אַ
גרויסן פּראַקטיקן אַוונט, אין דער וואָך פון די קריסטלעכע
ווייַנאַכטן. דער שניי איז געווען אַ שטאַרקער און אַ געריכ־
טער און דער עולם שטופּט זיך אין צירק אַריין. אַ חתן איז
געגאַנגען זוכן זיין כלה, אַ חברטע איז געגאַנגען זוכן די
צווייטע חברטע. מיט איין וואָרט: דער עולם האָט צוגעצויגן
איינער דעם צווייטן. מ'האָט זיך פאַרפּוצט אין די שענסטע
קליידער; מ'האָט זיך אָנגעהאָנגען מיט צירונג, וואָס אין יענ־
נער צייט איז געווען שטאַרק אין דער מאָדע: טראָגן גרויסע
קייטן, גרויסע בראָנזאָליעטן פון גאָלד. אין דער היים זיינען
געבליבן נאָך עלטערע מענטשן און קליינע קינדער, קראַנקע,
אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן געקוקט אויף אַזעלכע פאָרשטע־
לונגען ווי אויף אַ גרויסן חטא. אָט הויבט זיך אָן דער ספּעק־
טאַקל. דער אָרקעסטער אויף דער סצענע האָט געשפּילט זייער
שטאַרק און פריילעך, אויפגעלעבט. אָט גייען אַרויס די
אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געוויזן פאַרשידענע פאָקוסן, וואָס
אין יענע צייטן האָט דאָס אַרויסגערופן אַ גרויסע באַוווּנ־
דערונג ביי דעם פּובליקום. די פאָקוסן זיינען באַשטאַנען אין
דעם, וואָס ס'זיינען געפלויגן טייכעלעך פון דעם מויל; מ'האָט
געצויגן פאַרשידענע ליענטעס (סטענגעס) פון פאַרשידענע
קאָלירן. און דאָ האָט איינער פון די אַקטיאָרן נישט ווילנדיק
געגעבן אַ הויב מיט דער האַנט און איבערקערט אַ ברענענ־
דיקן בליי־לאָמפּ, וועלכער איז געפאַלן אויף אַ פעסל נאַפט,
וואָס איז געשטאַנען אויף דער סצענע אין אַ ווינקל, און
דאָס פעסל נאַפט ((קעראָסין) האָט געפּלאַצט און עס האָט
זיך אָנגעצינדן די גאַנצע סצענע. לכתחלה האָט דער עולם־

גולם געמיינט, אַז דאָס איז איינס פון די וווּנדער וואָס די אַקטיאָרן באַווייזן, אָבער, אַז ס'האָט זיך דערהערט שרעקלעכע, אוממענטשלעכע קולות, האָט זיך דאָס גאַנצע פּובליקום געגעבן אַ לאָז צו דער טיר, צום אַרויסגאַנג. אָבער אַזוי ווי אויבן דערמאָנט, אַז די טיר האָט זיך געעפנט פון אינעווייניק, איז, אַז דאָס פּובליקום האָט זיך געשטופּט צום אַרויסגאַנג, האָבן זיי מיט זייערע קערפּערס פאַרשפּאַרט די טיר און מענטשן זיינען געפאַלן איינער אויפן צווייטן. די אויבערשטע שיכט פון די מענטשן־מאַסע האָבן געברענט און די אונטערשטע זיינען געוואָרן דערשטיקט. איניקע, וואָס זיינען געווען זייער שטאַרק און פעסט געבויט, איז געלונגען אַרויפקריכן אויף די ווענט און אָפּרייסנדיק ברעטער פון די ווענט, האָבן זיי זיך אַרויסבאַקומען אין דרויסן און — וואַלגערנדיק זיך אויפן שניי, האָבן זיי אָפּגעלאָשן די אויף זיי ברענענדיקע קליידער. דאָס בילד איז געווען שרעקלעך. אויפן צווייטן טאָג זיינען געקומען קרובים דערקענען זייערע פאַרברענטע מיטגלידער פון דער משפּחה. דער יאָמער און דער קלאַנג האָט זיך געהויבן עד לב השמים. אַ מוטער האָט דערקענט איר איין און איינציקן זון דורך אַ זאָקן־בענדל, פון וועלכן ס'איז געבליבן אַ שטיקל מעטאַל. אַנדערע זיינען דערקענט געוואָרן פון אַזעלכע טיילן פון די קליידונג, וואָס דאָס פייער האָט נישט געקענט בייקומען. ס'זיינען געקומען פאַרשטייער פון די דריי רעליגיעס: אַ רב, אַ קאַטוילישער גלח און אַן אָרטאָדאָקסישער פּאָפּ און מען האָט איינגעטיילט די פאַרברענטע קערפּערס, וועלכע ס'איז נישט געווען צו דערקענען, אויף דריי טיילן. מ'האָט זיי אַרויפגעלייגט אויף וואָגנס און אַזוי געבראַכט צו קבורה.

אונזערע עלטערן פלעגן דערציילן די קינדער וועגן דער שרפה פון בערדיטשעווער צירס. דער אומגליק האָט נעלאָזט טיפֿע ווונדן אין די הערצער פון די, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע קרובים בשעת דער פּאַסירונג. מ׳רעכנט, אַז ס׳אין דעמאָלט אומגעקומען אַרום טויזנט נפשות.

אויף דעם זעלבן פּלאַץ האָט מען מיט יאָרן שפּעטער אויס־געבויט די געביידע פון רויטן קרייץ, וועלכע שטייט נאָך עד היום.

# ברוך הבא – דער עלפאַנט איז דאָ

יעדערער ווייסט, אַז די שטאָט בערדי־טשעוו נעפינט זיך אין מיטל־אייראָפּע, אין אַ זאָנע, וווּ כשום־אופן ווינען נישט קיין עלפאַנטן, ווי אין אַפריקע אָדער אין אַזיע. אָבער דאָך האָט פּאַסירט אַמאָל, ווען דער שרייבער פון די שורות איז נאָך געווען אַ קליין חדר־ייִנגל — האָט זיך באַוויזן ביי אונז אין שטאָט אַ עלפאַנט. אָבער נאָך וואָס פאַראַ עלפאַנט! אַן אמתער, אַ גרויסער, מיט פיר גרויסע, גראָבע לאַפּעס, מיט דער נרויסער נאָז, מיט די צוויי נרויסע קלוקעס, מיט איין וואָרט — אַן אמתער עלפאַנט. פון וואַנען האָט ער זיך צו אונז נענומען? — איז אַזאַ מעשה. צו אונז אין שטאָט איז אַראָפּנעפאָרן אַ „זווערינעץ" (אַ זאָאָ — Zoo). די דירעקציע האָט נעקויפט ברעטער אויף אויפצושטעלן די נעביידע. די געשעפטן זיינען געגאַנ־גען „אַזוי נוט", אַז זיי האָבן נישט נעקענט באַווייזן באַ־צאָלן די חובות פאַר דעם נעהילץ און זיי האָבן געמוזט לאָזן

א משכון פאַר דעם הוב, דעם גרויסן עלפאַנט. פון אונזער שטאָט זיינען זיי איבערגעפאָרן קיין ושיטאָמיר און זיי האָבן זיך אַזוי אויסגערעכנט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועלן זיי אָפּנעמען דעם עלפאַנט און באַצאָלן דעם חוב. אָבער ס'איז געשען אַנדערש. דער עלפאַנט איז פאַרבליבן ביי אונז אין שטאָט אַ גאַסט כמעט אויף אַ האַלבן זומער. דער סקלאַד פון דעם געהילץ האָט זיך געפונען ביים ברעג פון אונזער טייך גנילאָפּיאַט, נישט ווייט פון דעם נייעם בריק. אַזעלכע פּלעצער, וועלכע אונז יינגלעך זיינען געווען גוט באַקאַנט, ווי צום ביישפּיל די קאַפּאַלניע (Piscine) , וואָס האָט גע־הערט צו ניעקריטש'ן, אָדער, נישט ווייט די קאַפּאַלניע פון חיים „סמאַרקאָטע", ווו אַ הויז באַרן זיך, האָבן גרויסע יינג־לעך געקענט באָרגן אַ שיפל, זיך אַרומשיפלען אויפן טייך. אָבער אונז קלענערע יינגלעך האָט בעסער צוגעצויגן ניע־קריטשעס קאַפּאַלניע, ווו דער דאַך איז געווען אַ פּלאַכער און מיר יינגלעך, לאָבוזעס זיינען אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך און אַראָפּגעשפּרונגען אין מיטן טייך. אָבער, לאָמיר אַ קוק טון, וואָס מאַכט אונזער עלפאַנט אין דעם הויף צווישן די ברעטער און די קלעצער. טראָצדעם, וואָס קיין ראַדיאָ אין יענער צייט איז נאָך נישט געווען, האָט זיך די ידיעה וועגן דעם עלפאַנט פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט מיט אַ בליץ־שנעלקייט און אין אַלע חדרים האָבן די יינגלעך דערפון זיך דערוווסט און מיר האָבן זיך קוים דערוואַרט צו דער צייט פון פּרייטיק נאָך מיטאָג, ווען יעדערער איז געוואָרן פריי פון דעם חדר, פון דער מאַמעס מיטאָג, פון אירע עטלעכע קלעפּ און קניפּ, וואָס מ'האָט אַריינגעכאַפּט, און יעדער יינגל האָט זיך צוגעגרייט אַ פּעקל, און וועלכן ס'האָט זיך

נעפּונען שטיקלעך אַלטע ברויט, אַ פּאָר פרישע שטיקלעך חלה און נאָך צוגעגעבעט אַ פּאָר קיכלעך, אַ פּאָר גרינע אור־גערקעס און מיט איין שפּאָן איז מען געווען דאָרטן ביים עלפאַנט. אָט שטייט אַ לאַנגע רייע יינגלעך. יעדערער מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם. דאָס איז אַ מתנה, וועלכע מ'האָט געבראַכט דעם גאַסט. דער עלפאַנט האָט אויף אונז געקוקט מיט קלוגע, גוטמוטיקע אויגן, ווי ער האָט געוואָלט דערמיט אויסדריקן זיין דאַנקבאַרקייט פאַר דעם שלח־מנות, וואָס מען האָט אים געבראַכט. יעדערער עפנט אויף זיין פּעקל. דער עלפאַנט גיט אַ שמעק מיט דער לאַנגער נאָז און, איידער מ'האָט זיך אומגעקוקט, איז דאָס שוין געווען אין דעם גרויסן קערפּער פון דעם עלפאַנט. אַ יינגעלע האָט אים אַ קיצל געטון אין דעם שפּיץ פון דער לאַנגער נאָז, האָט דער עלפאַנט אַראָפּגעכאַפּט ביי אים דאָס היטל און מיט דעם היטל אים געגעבן אַ לייכטן קלאַפּ איבערן פּנים, ווי איינער זאָגט: גיי ריר, מיט מיר שפּאַסט מען נישט! אָט זיינען געשטאַנען צוויי דערוואַקסענע מענטשן, איינער מיט דער פּלייצע צום עלפאַנט און בשעת ער האָט זיך פאַרדעדט מיטן חבר, האָט דער עלפאַנט דערשמעקט, אַז אונטערן אָרעם טראָגט ער עפּעס אַ מאכל און דאָס איז געווען אַ ברויט מיט הערינג, איז אין איין כהרף־עין האָט ער אַ צי געטון און עס איז פאַרשוואונדן. דאָס איז געווען דער שענסטער און דער גליקלעכסטער טאָג פאַר דעם עלפאַנט, דער טאָג פון פּרייטיק — אָבער ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און דער עלפאַנט איז זיך מיישב און גייט זיך אַרויס פון דעם הויף און מאַכט אַ שפּאַציר ביים ברעג טייך, ווו ס'זיינען געזעסן פאַרקויפערינס פון גרינוואַרג. ער איז צוגעגאַנגען צו יעדער פאַרקויפערין, און אַז מ'האָט

אים עפעס געגעבן צום קייען, איז ער אויסגעגאנגען א צו־
פרידענער. אָבער טאָמער האָט אים א פרוי א מאָך געטון
מיט דער האַנט, אָדער מיט א שטעקל, ער זאָל גיין ווייטער,
האָט ער אָנגענומען מיט דער נאָז דעם קויש מיט גרינוואַרג
און א שמיץ געטון אין פּנים און זי איבערגעקערט. אַזוי
אַרום, נאָך אַזאַ שיינעם שפּאַציר, האָט מען דעם גאַסט גע־
מוזט פּענטען די פיס און איבערלאָזן אין הויף פון דעם גע־
הילץ. אין א קורצע צייט אַרום זיינען געקומען די בעלי־
בתים און האָבן אים צוגענומען. ביי אונז חדר־יינגלעך, איז
די געשיכטע מיטן עלפאַנט פאַרבליבן אין זכרון אויף לאַנגע,
לאַנגע יאָרן.

# פּיליפּאַנסקע גאַס

פון וואַנען עס שטאַמט דער נאָמען „פּיליפּאַנסקע" איז נישט באַוווּסט און עס פּאַסט איר גאָרנישט, אַט דער יידישער גאַס דער נאָמען פון עפּעס אַ פּיליפּ. זי וואָלט ניכער באַדאַרפט ווערן אָנגערופן לויט איינעם פון די אָרעמע, אַרבעטזאַמע און אָרנטלעכע יידן, וועלכע האָבן דאָרט געוווינט. ווער פון אונז בערדיטשעווער געדענקט נישט די דאָזיקע גאַס, מיט וועלכער עס זיינען פאַרבונדן דערינערונגען פון אונזערע קינדער־יאָרן. לאָמיר זיך אַריבערטראָגן מיט די געדאַנקען אויף דער פּיליפּאַנסקע גאַס און אַרויסרופן אין זכרון די געשטאַלטן און בילדער, וועלכע די דאָזיקע גאַס רופט ביי אונז אַרויס. ווי אַ גרויסער „ד" האָט אויסגעזען די דאָזיקע גאַס, וועלכע האָט זיך פון איין זייט אָנגעהויבן מיט דער וווינונג פון „ליטווישן בעקער". צוויי מאָל אין טאָג האָט מען געזען פון דער בעקעריי אַרויסגיין אַ בחור אין פאַרמעליקטע מלבושים, וועלכער האָט אויף אַ האַנט־וועגעלע אַרויסגעפירט הייסע, שמעקעוודיקע ברויטלעך, וועלכע ער האָט צוגעשטעלט אין די אַרומיקע שפּייז־געוועלב־

לעך. ווייטער זעען מיר סוויצקעס הויז, שלמה שיינבערגס, ידידעס שול אַנטקעגן איבער די געמויערטע ווענט פון „קרעפּאַסט", וועלכע וואָלטן אונז געקענט דערציילן פיל מעשות פון יידישע לײדן און דערנידערונגען, וואָס בערדיטשעווער יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די מושלים פון דער דאָזיקער „קרעפּאַסט". אָט איז די „קלאַדקעס" וואָס פירן צו טשודנאָווער גאַס. עס דערמאָנט זיך דאָס חדר און דער מלמד שמואל לאַשאַק. עס קלינגען נאָך אין די אויערן די קינדערשע שטימען פון די תלמידים, וועלכע האָבן אין אַ פּרייטאָגדיקן פרימאָרגן מעביר געווען די סדרה, אָדער געלערנט אַ בלאַט גמרא אונטער דעם שטרענגן בליק פון שמואל דעם מלמד, וועלכער האָט קנעלנדיק מיט די תלמידים איינציטיק געדרייט נידים אויף צונויפניייען תפילין, ווייל ער איז אויך געווען אַ סופר. דערצו האָט ער געהאַט אַ געוויסע הכנסה פון דער „מאַסיך" וואָס ער פלעגט אויספאַרטיקן. פון אַלע עקן שטאָט פלעגט מען קומען צו שמואלן קויפן אַ ציגעלע „מאַסיך", וועלכע האָט געהאָלפן אויף אויפריימען אַ מכה. דעם סוד פון מאַכן די דאָזיקע „מאַסיך" האָט ער איבערגענומען בירושה פון זיין פאָטער. אַראָפּגייענדיק מיט די טרעפּלעך פון דער שול קומען מיר צו צו ידידעס מרחץ (באָד), פון וואַנען מען קען זען דאָס אָרעמע שטיבל פון שלמה מירצעס, וואָס האָט זיך ווי צוגעטוליעט צום באַרג און זיך צוזאַמענגעוואַקסן מיט אים. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף דער לעבנס־געשיכטע פון שלמה מירצעס משפּחה, וועמענס וואָרצלען עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען אויף פּיליפּאַנסקע גאַס אין בערדיטשעוו און דער ווייטערדיקער גורל האָט זיי פאַרוואָרפן אין דעם רוישנדיקן פאַריז. שלמה מירצעס האָט נישט געהאַט קיין באַשטימ־

סט פראָפעסיע און די חיונה האָט געגעבן זיין פרוי חנה די נייטאָרין אָדער ווי מען האָט זי גערופן: חנה די שוואַרצע.

בלויז איינמאָל אין יאָר האָט שלמה געגעבן זיין ביישטייער צו דעם באַשיידענעם בודזשעט. דאָס איז געווען ערב פּסח, ווען ער האָט אויף אַן איינגאַרטיקן אופן פאַרדינט עטלעכע רובל. ער האָט אין באַרג, אין וועלכן ער האָט זיך אָנגע־שפּאַרט זיין אָרעמע הייזקע, אויסגעגראָבן אַ גרוב און אָנגע־פילט מיט וואַסער. ביי דער זייט פון גרוב האָט ער אויף אַ שייטער אָנגעגליט שטיינער און זיי געוואָרפן אין וואַסער, פון וואָס דאָס וואַסער פלעגט אָנהויבן צו זידן און אין אָט דעם זודיקן וואַסער האָבן די בערדיטשעווער יידישע פרויען גע־כשרט דאָס פּסח'דיקע געשיר און דערפאַר געצאָלט עטלעכע גראָשן. חנה די נייטאָרין, אַ באַשיידענע סימפּאַטישע פרוי, פלעגט גאַנצע טעג אַרומגיין צווישן די נגידישע הייזער און אָננעמען באַשטעלונגען אויף נייען וועש, אָדער אָפּטראָגן די אויסגעפּאַרטיקטע וועש, און אירע צוויי טיידלעך מיט די בלאַסע אויסגעמאַטערטע פּנימער זיינען ביי דעם שיין פון דעם קליינעם פענצטערל גאַנצע טעג און אָפּטמאָל ביינאַכט געזעסן און גענייט. פון די צוויי זין, וואָס שלמה מירצעס האָט געהאַט, איז איינער געווען אַ רעוואָלוציאָנער און איז נאָך דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1905 געווען געצוווּנגען זיך צו ראַטעווען פון די רוסישע צאַרישע זשאַנ־דאַרמען און איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. דער צווייטער זון ישאַק איז געווען אַן אָנגעשטעלטער. דער קליינער ושאַס איז געווען זייער אַ פּעאיקער. אָבער בערדיטשעוו איז געווען צו קליין און ענג און האָט אים נישט געגעבן די מעגלעכקייט אויסצונוצן זיין גרויסן אונטערנעמונגס־גייסט. עס האָט אים

געצווינגען אין דער גרויסער וועלט, ווי ער האָט געהאָפט צו געפינען אַן אָרט פאַר זיין מעטיקייט און ער פאַרלאָזט בער־דיטשעוו און פאָרט אַוועק קיין פּאַריז. דאָ געפינט ער זיין סביבה און מיט זיין גאַנצער ענערגיע נעמט ער זיך צו פאַר־ווירקלעכן זיינע פּלענער און איגניכן ווערט ער באַוווּסט אין די אינדוסטריעלע קרייזן אַלס אָרנטלעכער און פעאיקער אונ־טערנעמער און פאַרליינט גרויסע געשעפטן. ער נעמט דאַן אריבער זיין משפחה קיין פּאַריז. די מוטער רינגלט ער ארום מיט גרוים ליבשאַפט און שאַפט פאַר איר אויף די עלטערע יאָרן אַ רואיק און שטיל לעבן, אויף וועלכן זי האָט זיך ער־לעבט פאַרדינט. איינער פון די איידעמס שמואל ק. ווערט בשעת דער אָקופּאַציע דעפּאָרטירט. מערקווירדיק איז, וואָס דער דאָזיקער זשאַק, וועלכער האָט אין די קינדער־יאָרן נישט אָנגעגעסן זיך זאַט מיט ברויט, האָט איצט אַלס פאַרמעגלע־כער מענטש נישט פאַרגעסן יענע שווערע צייטן. און איצט אין באַצוג צו פרעמדע, אומפאַרמעגלעכע ווייזט ער ארויס פיל הארץ און פאַרשטענדעניש. ער שפּענדעט פיל געלט אויף וווילטעטיקע אַנשטאַלטן; ער העלפט יעדן אָרעמאַן, וואָס ווענדט זיך צו אים נאָך הילף און מיט אַ באַזונדערער מילדער האַנט העלפט ער מיט גרויסע סומעס דעם אויפבוי פון מדינת ישראל.

אַזוי אַרום האָט פיליפּאַנסקע גאַס, אין וועלכער דער גרעס־טער טייל איינוווינער האָט אין די שרעקלעכע ימי היטלער געטיילט דעם גורל פון אונזערע 6 מיליאָן קדושים, און אויף אַן אַכזריותדיקן אופן פאַרניכטעט געוואָרן, דאָך געפונען אַ המשך אין דעם גרויסן פּאַריז דורך די עטלעכע על פּי נס גע־ראַטעוועטע בערדיטשעווער יידן.

# זאַכאַר דער לײם־פירער

אַז מיר קלײנװאַרג האָבן זיך באַקענט מיט אים, איז ער שױן געװען אַ מאַן אין די זעכציקער יאָרן, פעסט געבױט מיט אַ שײגעס, געזונטן קאַצאַפּישן פּנים, שױן גרױ, אָבער אױגן האָט ער פאַרמאָגט אַזעלכע, אין װעלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זײן ײדישע אָפּשטאַמונג. אױך האָבן זײ אױסגעדריקט פיל ליבע, בפרט צו קלײנע קינדער. אַ באַזונדער אינטערעס האָט ער אַרױסגעװיזן צו קלײנע, ײדישע ײנגלעך. גערעדט האָט ער ײדיש מיט אַ שטאַרקן רוסישן „ר״. פיל מאָל האָט ער אַרײנגעמישט אין זײן לעקסיקאָן די װערטער „עטאָ ניטשעװאָ״ (דאָס איז נאַרנישקײט). געלעבט האָט ער אײנזאַם הינטער דער שטאָט אױף די „הלינישטשעס״ (לײם־מינעס). דאָרט האָט ער געהאַט אַ שטיבעלע און אַ פערד און װאָגן. אַלע טאָג האָט ער געגראָבן לײם, און נעפידט אין שטאָט צו פאַרקױפן. פרײטיק נאָך מיטאָג האָט ער אָװעקגעלײגט זײן אַרבעט, און איז געװאָרן אַקטיװ אַלס

א שבת־גוי. אין אַלע שולן פון דער שול־גאַס האָט זאַכאַר אויסגעלאָשן די ליכט און די בליי־לאָמפּן, שבת אינדערפרי איז ער געלאָפן פון שול צו שול און פון הויז צו הויז אײַנ־הייצן די הרובעס, אַראָפּנעמען די לייכטער פון טיש און אַנ־דערע אַרבעט, וואָס ס׳פּירט אויס נאָר אַ שבת־גוי. ווייסע חלות, קיכלעך, משקה, קיגלען און אַנדערע מאכלים האָט מען געגעבן פון אַלע זייטן. אַזוי, אַז אונזער זאַכאַר האָט גע־האַט אַן אמתן עונג־שבת, און געלט האָט ער אויך באַקומען פאַר זײַן אַרבעט. אַזוי אַרום האָט ער פאַר די אַנדערטהאַלבן טעג פאַרדינט אַזויפיל, וויפיל ער האָט פאַרדינט די איבע־ריקע טעג פון דער וואָך. אויך זײַן אויסגעדאַרטע קליאַטשע, האָט געהאַט צוויי טעג פון אָפּרו, שבת און זונטיק. זי איז געשטאַנען ביי זיך אין קליינעם שטאַלעכל און זיך געמאַכט אַ לעבן. אַפּטמאָל פלעגט זאַכאַר אַריינכאַפּן זיך אין אַ נעגנט, ווו ס׳זיינען געווען אַ סך יידישע יינגעלעך, מערסטן טייל פּרייטיק נאָך מיטאָג, ווען מיר זיינען געווען פריי פון דעם חדר. ער האָט אונז אַריינגעוואָרפן אין זיין וואָגן, אַוועקגעפירט ערגעץ הינטער דער שטאָט און האָט זיך מיט אונז אַראָפּגע־זעצט אויפן גראָז און אונז אָנגעהויבן דערציילן אַ וווּנדער־באַרע געשיכטע פון זיין אייגן לעבן: אַז ער איז אַלט געווען ביי זיבן יאָר, האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ שיינעם פרי־מאָרגן אין שטוב צוויי געזונטע יידן, דאָס זיינען געווען כאַ־פערס. זיי האָבן אים אַרויסגעריסן פון דער מאמעס הענט (זיין פאָטער איז געשטאָרבן מיט אַ פּאָר יאָר פריער). די מאַמע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם יידן מיט אַ טעפּל פּליסיקייט און האָט אים אָפּגעבריט די האַנט, אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער צווייטער כאַפּער איז אונטערגע־

שפרונגען און האָט אָפּגעריסן דער מאַמען אָן אַ זייט, און דער ערשטער איז מיט אים אַרויס אויף דער גאַס. שרעקלעך האָט אויסגעזען זיין מוטער אין יענעם מאָמענט. די האָר זענען געווען צעוואָרפן, אירע צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן זיינען געווען אַרויסגעקראָכן פון די אָרביטן, דאָס מויל איז געווען אָפן און אַ דויטע פּליסיקייט האָט זיך באַוויזן אויף איר מויל. אָט דער לעצטער בליק, וואָס ער האָט גענעבן אויף זיין מוטער, איר לעצטער אויסגעשריי: מיין קינד! און זיין לעצטער ענטפער: מאַמע, מאַמע! — האָט ער נישט פאַרגעסן זיין גאַנצן לעבן. איצט האָט זיך אָנגעהויבן ביי אים אַ ניי לעבן. אָנשטאָט מוטער־ליבע, האָט ער געכאַפּט קלעפּ פון זיינע „דזיאַטקעס". אייניקע האָבן אים געשלאָגן פאַר־וואָס ער האָט נישט געוואָלט עסן קיין חזיר, אייניקע פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך נישט געבוקט צו דער „מוטער". אייניקע פאַר דעם וואָס ער האָט נישט געקאָנט איבערנעמען די סאָלדאַטסקע „תורה". מיט איין וואָרט אָנשטאָט מוטער־לעבע ליבע האָט ער איבערגעטראָגן אויף זיך יעדן טאָג „שפּיץ־רוטן". אָט אַזוי האָט ער פאַרבראַכט זיינע קינדער־יאָרן און אויך זיין יוגנט. נאָך 25 יאָר מיליטער־דינסט, האָט זיך זאַכאַר אומגעקערט אין דער געגנט פונוואַנען מ'האָט אים געכאַפּט, ער האָט אַרומגעזוכט זיין מוטער, געוואָלט כאָטש געפינען איר קבר, אויב זי איז געשטאָרבן. אַלס אַ קאַנטאָניסט האָט ער געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון די, וואָס האָבן לײדער נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם נסיון און זיך געלאָזט אָפּשמדן. צוריק אומקערן זיך צום יידנטום, לויט די הערשנדיקע געזעצן אין יענע צייטן, איז געווען פאַר־בונדן מיט סכנות־נפשות. חתונה האָבן מיט אַ יידישער

טאָכטער, האָט זי אים נישט געוואָלט, א גוישע האָט ער נישט געוואָלט, און אזוי אַרום איז ער געבליבן איינזאם זיין גאַנצן לעבן. ער האָט נאָך איין געדאַנק, און דאָס וואָלט נע־ווען דער בעסטער אויסוועג אין זיין לעבן, זיך לאָזן פאָרן אין לאַנד פון אונזערע אבות. דאָרט וואָלט ער געקאָנט זיך אומ־קערן צום יידנטום, און זיין א ייד גלייך מיט אַלע יידן. אָבער ווי אזוי פאָרט מען אַוועק און איבערלאָזן דעם קבר פון זיין מוטער? נישט איינמאָל שטעלט זיך אים פאָר, אז ער האָט געפונען דעם קבר פון זיין מוטער, עמיצער האָט אים אָנגעוויזן די מצבה; איבערלייענען דעם נאָמען האָט ער נישט געקאָנט; ווי אזוי זי האָט געהייסן האָט ער נישט גע־ווּסט. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז זי האָט געהייסן טייערע מאַמע. אָט טרוימט ער ווי ער ציט זיך אויס אויף איר קבר, ער רופט דער מוטער, טייערע מאַמע! דאָס ליג איך אויף דיין קבר, נישט זאַכאַר דער שבת־גוי, דער משומד, נאָר דיין קליין ייִנגעלע זכריה׳לע, איך קאָן שוין נישט מער, טייערע מאַמע נעם מיך צו צו דיר!...

ענדיקנדיק זיין געשיכטע, האָט זיך א גאַס געטאָן א ים מיט טרערן פון זייַנע אויגן, און מיר קליינוואַרג האָבן מיט אים מיטגעוויינט. און געקומען אַהיים מיט פאַרוויינטע פּנימ־לעך און אויסגעשמירטע בגדימלעך פון ליים. אַז די מוטערס האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָט מען געמאַכט א באַ־מערקונג זאַכאַרן, ער זאָל דאָס מער נישט איבערחזרן. פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין דערציילט פּרייזלעכע סאָלדאַט־סקע מעשהלעך און געשפּילט זיך מיט אונז אין סאָלדאַטן. קיין האַרץ אויפן קהל אָדער אויף די באַפעלס האָט ער נישט געהאַט, נישט אזוי ווי אַן אַנדער קאַנטאָניסט, א משומד,

בראפטאַן ימ״ש וואָס האָט אָנגעשריבן (נישט מיט זיינע הענט, ווייל ער האָט נישט געקאָנט שרייבן) אַ שרעקלעכן פּאַשקוויל אונטערן נאָמען „קנינא קאהאלא״ (דער בוך פון קהל). אין דעם שמוציקן „ווערק״ ברענגט ער אַזעלכע בלבול־לים אויף יידן, וואָס ס׳איז שרעקלעך געווען צו לייענען און צו הערן. דאָס בוך האָט נאָך געהאַט אַ טרויעריקע „זכית״ באַנוצט צו ווערן, דורך דער באַשולדיקונג, אויף בייליסעס פּראָצעס. אַנדערש איז געווען מיט זאַכאַרן. ער האָט געוווּסט, אַז נישט דער קהל און נישט די כאַפּערס, נאָר דער רעזשים פון יענער צייט איז געווען שולדיק אין זיין טראַגיש לעבן.

איינמאָל האָט ביי אונז אין שטאָט פּאַסירט אַזאַ מעשה: אַ ייִנגעלע איז אַרויסגעגאַנגען פון חדר און גייענדיק אַהיים האָט ער באַגעגנט אויף דער גאַס דורכפּאָרנדיקע ביידלעך מיט ציגיינער. ער האָט זיך פאַר זיי זייער דערשראָקן און ער האָט אָנגעהויבן לויפן. אין איז פאַרלאָפן הינטער דער שטאָט, און איז געפאַלן אַ מידער הינטער אַ פּאַרקן און איז אַזוי איינגעשלאָפן.

די פאַרצווייפלטע עלטערן האָבן אָנגעהויבן אַרומזוכן דאָס קינד. זיי האָט אויך מיטגעהאָלפן די גאַנצע גאַס שכנים. דער פּריסטאַוו האָט אַפילו צוגעשיקט אַ פּאָר אַגענטן מיט אַ וווּנ־הונט, אָבער מ׳האָט דאָס קינד נישט געפונען. אַ גרויסן אָנ־טייל האָט אויך גענומען אונזער זאַכאַר. אַ גאַנצע נאַכט איז ער מיטגעלאָפן מיט די זוכער און געהאָלפן זוכן דאָס קינד. פאַרטאָג, אַ מידער און אַ דערשעפּטער, ווען ער האָט זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים, האָט ער באַמערקט אויף דער גאַס אַ צוזאַמענלויף פון מענטשן, וועלכע האָבן אויפגעהויבן און אָפּגעמונטערט אַ ייִנגעלע. זאַכאַר האָט באַלד דערקענט

דאָס קינד, אים אויפגעהויבן, געכאַפּט אין זיינע שטאַרקע אָרעמס און מיט שנעלע טריט זיך געלאָזט גיין אָפּטראָגן דאָס קינד צו זיינע עלטערן. דעם ווען האָט אים פאַרלאָפן אַ ייד, וועלכער האָט זיך געלאָזט לויפן צו די עלטערן אָנזאָגן די פריילעכע בשורה. אָבער זאַכאַר האָט אים שנעל באַפוילן ער זאָל רעזיגנירן פון דעם, ווייל די מצוה געהערט נאָר צו אים; ער האָט זי כשר פאַרדינט און דער ייד האָט געמוזט אים פאָלגן. אַז די עלטערן האָבן צוריקגעפונען זייער קינד, איז די שמחה געווען זייער גרויס. זיי האָבן אַליין נישט געוווסט מיט וואָס צו באַלוינען זאַכארן. ער אָבער, האָט פון קיין שום באַלוינונג נישט געוואָלט הערן. קיין מצוה — האָט ער גע־זאָגט — פאַרקויפט ער נישט פאַר קיין געלט. געלט — האָט ער געזאָגט — עטאָ ניטשעוואָ, די הויפּט־זאַך איז אַ מצוה. ס'איז קוים געלונגען די עלטערן זיך איינבעטן ביי אים, ער זאָל זיך לאָזן מאַכן אַ גלאָז טיי פאַר שטיוול.

נאָכדעם זיינען אַוועק איניקע יאָרן, די קליינע ציגעלעך זיינען געוואָרן גרויסע צאַפּעס; מ'איז זיך צעפאָרן איבער דער וועלט, ווער שטודירן, ווער ס'האָט עמיגרירט; אויך אונזער זאַכאַר איז געלם געוואָרן פון אונזער שטאָט. איי־ניקע האָבן דערציילט, אַז אויף די עלטערע יאָרן האָט ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל און דאָרט זיך אומגעקערט צום יידנטום.

# על הצדיקים ועל החסידים

## (פון בעש״ט ביז ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער)

אין דער גרויסער צאַל שולן און בתי מדר־שים וואָס זיינען געווען אין בערדיטשעוו, איז געווען אַ באַ־דייטנדיקע צאָל שולן, וואָס האָבן זיך אָנגערופן מיט די נע־מען פון די חסידישע הויפן, צו וועלכע דאָס רוב מתפּללים האָבן געהערט. מערקווירדיק איז, אַז אַ מתנגדישע שול איז געווען נאָר איינע, וואָס דאָס באַווייזט, אַז די צאָל מתנגדים אין בערדיטשעוו איז געווען קליין. די אָפטע באַזוכן פון בעש״ט און זיינע תלמידים האָבן מיטגעווירקט צום איינ־וואָרצלען פון דעם חסידישן געדאַנק אין די הערצער פון די בערדיטשעווער יידן, און דאָס האָט אויך מיטגעווירקט אויף דער גאַנצער סטרוקטור פון דעם גייסט פון דער כמעט הונ־דערט פּראָצענטיקער יידישער באַפעלקערונג. ס׳איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דער געשיכטע פון דער שיינער באַוועגונג אין יענער צייט, וואָס ברענגט דעם נאָמען חסידיזם.

שווער איז געווען דאָס לעבן פון די יידן אין מזרח־אייראָ־

פע אין דער ערשטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט. געיאָגט און געפּלאָגט פון אַלע זייטן, פּלעגן זיי אָפּטמאָל אָפּהיטן פרעמדע ווייננערטנער,ביישטייערן פרעמדע קולטורן, נאָר אומעטום זיינען זיי געווען פאַררעכנט פאַר אַ מינדערווערטיקן עלעמענט. עס פלעגט זיך זיי צומאָל אויסווייזן, אַז אָט שטייען זיי שוין אויף אַ פעסטן באָדן, און פּלוצים פלעגט זיך אויפ־הייבן אַ שטורעם־ווינט און זיי צעברעכן עקאָנאָמיש, מאָראַ־ליש אָדער אויך פיזיש. די תלמודישע אגדה דערציילט, אַז אַמאָל איז געפאָרן אַ שיף אויפן ים און עס האָבן זיך אויפגע־הייבן גרויסע ווינטן, וואָס האָבן צעבראָכן די שיף און די מענטשן זיינען אומגעקומען. נאָר עטלעכע פון זיי, גוטע שווימער, זיינען צוגעשווומען צו אַ קליין אינזל און האָבן זיך דאָרט באַזעצט, וואַרטנדיק ביז עס וועט דורכפאָרן אַן אַנדערע שיף, וועלכע וועט זיי צוריק אָפּפירן אַהיים. פּלוצים אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זיך אַ טרייסל געטון דער באָדן אונטער זייערע פיס און זיי זיינען אַלע אַריינגעפאַלן אין ים. די אגדה גיט צו, אַז דאָס אינזל איז געווען אַ רוקן פון אַ גרויסן וואַלפיש. אָט אין אַזאַ לאַגע האָבן מיר געלעבט אין גלות, אין משך פון קנאַפּע 2.000 יאָר, ביז עס איז געשען מיט אונז אַ נס, דאָס איז דער גרויסער נס פון ישראל־אויפקום.

אין דער פינצטערער תקופה אינם אָנהויב פון דעם 18־טן יאָרהונדערט האָט זיך באַוויזן דער בעל שם־טוב. נישט ווי אַ ליכטיקער מעטעאָר האָט ער זיך באַוויזן, אַ מעטעאָר, וואָס באַלייכט די פינצטערקייט פון דער נאַכט און ווערט באַלד פאַרשוואונדן, נאָר ווי אַן עמוד האש, אַ פייערדיקער זייל, האָט ער זיך פאַר אונז באַוויזן, אַן עמוד האש, וואָס האָט פאַר־טריבן די שאָטנס פון דער נאַכט און אויך געדינט פאַר אַ

װעגװײַזער. און װען ער איז נסתלק געװאָרן, האָט ער איבער־
געלאָזט אין די הערצער פֿון די חסידים אַ היליקן פֿונק,
װעלכער װעט קײנמאָל נישט אױסגעלאָשן װערן.

רבי ישראל בעש״ט איז געבױרן אין יאָר תנ״ת אין אַ
קלײן שטעטל אין װאָלאַכיען אין די קאַרפּאַטן־בערג. װען
רבי ישראל איז אַלט געװאָרן פֿינף יאָר, זײַנען בײַ אים אָפּ־
געשטאָרבן בײדע עלטערן און דאָס קינד איז איבערגעגעבן
געװאָרן צו פֿרעמדע דערציִער. אין חדר האָט ער זײער שלעכט
געלערנט און בײַ 9 יאָר איז ער געװאָרן אַ באַהעלפֿער אין
אַ חדר. שױן דאָ האָט ער אָנגעהױבן צו טון אױסטערלישע
זאַכן, ער פֿלעגט אַװעקגײן מיט די קינדער אין װאַלד, זינגען
און שפּרינגען מיט זײ, װאָס נאָך דעם באַגריף פֿון יענער
צײַט איז דאָס געװען בײַ ייִדן פֿאַרבאָטן. די נשמה זײַנע איז
געװען אָנגעפֿילט מיט פּאָעזיע און עס האָט אים געצױגן
אױף דער שױס פֿון דער נאַטור. בײַ 14 יאָר טרעפֿט מען אים
אַלס אַן אונטער־שמש אין אַ שול, װו עס האָבן געלערנט
ייִנגעלײט אַ גאַנצן טאָג. בײַנאַכט פֿלעגט ער זיך פֿאַרטיפֿן
אין לערנען, מערסטן טײל אין קבלה. בײַ 18 יאָר האָט ער
חתונה געהאַט און איז געװאָרן אַ מלמד אין אַ קלײן שטעטל.
אין אַ יאָר אַרום איז בײַ אים געשטאָרבן די פֿרױ און ער
האָט אָנגעהױבן צו װאַנדערן פֿון אײן שטעטל אין צװײטן,
װי אַ מלמד.

אין יענער צײַט האָט געלעבט אין בראָד אַ גרױסער רב,
רב גרשון קוטאָװער. מיט זײַן שװעסטער, אַן אַלמנה, האָט
ער חתונה געהאַט קעגן דעם װילן פֿון איר ברודער, דעם רב.
דער שװאָגער האָט געפּרוּװט מיט אים לערנען, נאָר באַלד
האָט ער באַמערקט, אַז דער בעש״ט טױג נישט צו אַ סיס־

טעמאַטישן לערנען. ער האָט אפילו ביי אים געפּאָדערט ער זאָל זיך גטן מיט זיין שוועסטער, נאָר די שוועסטער האָט נישט געוואָלט. דער רב האָט דעם שוואָגער געגעבן אַביסל געלט און ער האָט זיך געקויפט אַ פערד מיט אַ וואָגן און האָט זיך באַזעצט אין די קאַרפּאַטן־בערג, ווו ער האָט גע־גראָבן ליים. זיין פרוי פלעגט דאָס ליים פירן אין שטעטל און פאַרקויפן עס דאָרט.

דאָרט, אויף דער שויס פון דער נאַטור, ווייט פון מענטש־לעכן גע־וויש, האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן צום לער־נען. דאָרט האָט ישראל, דער ליים־גרעבער אין משך פון 7 יאָר געפירט אַן אַסקעטיש לעבן און דאָרט האָט ער אין זיך געפונען דעם היילקן פונק. דאָרט, האָט ער אין אַ האַרמאָניע מיט די בוימער, מיט די צווייגלעך, מיט די גרעזלעך און מיט די פייגעלעך זיך באַהעפט מיט דעם באַשעפער און מיט זיין ווערק. דאָרט האָט זיין אהבת השם דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה. ער האָט זיך צוריקגעקערט מיט זיין פרוי קיין בראָד און בקרוב איז ער נתגלה געוואָרן. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין זיין לעבן.

אַלע זיינע פריע־דיקע קעגנער, כפרט זיין שוואָגער, רבי גרשון קוטאַווער, זיינען געוואָרן זיינע הייסטע אָנהענגער. אין וואָס זיינען באַשטאַנען די הויפּט־פּרינציפּן פון זיין שיטה? כדי צו דינען ג־ט דאַרף מען האָבן דאָס האַרץ — רחמנא־לבא־בעי. ער האָט געפרעגט, ווי אַ שטייגער דאַרף מען טון מיט אַ ייד, וואָס צוליב מאַטעריעלע סיבות, האָט ער נישט געקענט לערנען?

האָט געזאָגט דער בעש"ט, אויך דער עם־הא־רץ קען דינען ג־ט מיט זיין האַ־רץ. אַ פּאַסטעך מיטן נאָמען משה, וואָס

האָט געלעבט אין זיין צייט, האָט אפילו נישט געקענט קיין א״ב, האָט ער געריכט דעם רבש״ע אויף אַן אַנדערן אופן. דער בעש״ט האָט געלערנט, אַז מען טאָר נישט פּייניקן דעם קערפּער מיט פיל תעניתים, ווייל אַז דער קערפּער איז אָפּגע־שוואכט, איז דער מענטש ט־ויעריק. נאָר אין אַ געזונטן קערפּער געפינט זיך אַ געזונטער גייסט. ג־ט דאַרף מען דינען מיט נשמה, מיט פ־ייד, מיט אַלע 248 גלידער.

דער בעש״ט איז נפטר געוואָרן אין יאָר תק״כ, חבל על דאבדין ולא משתכחין.

דער קדושת לוי, דערציילט מען, אַז ער שטאַמט פון 26 דורות רבנים (געבוירן אין יאָר ת״ק אין הוסאַקאָוו, גאַליציע, נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ע אין בערדיטשעוו). זייער אַ שווערן וועג, פול מיט דערנער און שטרויכלונגען, האָט ער דורכגעמאַכט ביז ער האָט פאַרנומען דעם כסא־הרבנות אין בערדיטשעוו. די צרות־צרורות וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, זיינען אים געקומען פון דעם, וואָס ער האָט זיך שטאַרק צו־געבונדן צו דער נייער לערע פון דעם בעש״ט ז״ל. צו דעם חסידיזם האָט ער זיך צוגעבונדן מיט לייב און לעבן. איינ־מאָל איז ער געכאַפּט געוואָרן ביי אַ „שרעקלעכן חטא״. דאָס איז געווען אין פּינסק, וווּ ער איז געווען דער מרא־דאתרא. דער חטא איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איינמאָל זיינען אַריינגעקומען אַ פּאָר בעלי־בתים צו אים אין שטוב און מען האָט אים געטראָפן שטיין אין אַ ווינקעלע און שיילן אַן עפּל און מאַכן אויף אים אַ ברכה מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַזאַ חסידישן ברען, אַז מ׳האָט ממש געזען באַשיינפּערלעך, אַז די שכינה האָט אויף אים גערוט. דאָס האָט זייער פאַרדראָסן די בעלי־בתים, וועלכע זיינען געווען פאַרברענטע מתנגדים

און זיי האָבן אים באַלד פאַרמסרט צום קהל און דערפאַר איז ער געוואָרן אַרויסגעטריבן פון שטאָט. נאָך לאַנגע וואַנ־דערונגען איבער שטעט און שטעטלעך, מיט אַ שלעכטער (אין יענער צייט) רעפּוטאַציע אַלס חסיד, איז ער אָנגעקומען אין בערדיטשעוו. דאָ ווו דער חסידיזם האָט שוין געהאַט גע־שלאָגן טיפע וואָרצלען און די מתנגדים זיינען געווען אין אַ קליינער צאָל, האָט מען אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. דאָ האָט ר׳ לוי געפונען אַ גינסטיקן באָדן און אַ ברייט פעלד פאַר זיין שפּעטערדיקער טעטיקייט. דאָס פאָלק וויס צו דערציילן פון אים זייער פיל שיינע מעשיות. מיר גיבן דאָ אייניקע קורצע מעשיות:

אַמאָל אין ראש־השנה וואָס איז אויסגעפאַלן אין שבת, איז ער געשטאַנען ביים עמוד און אויסגעשריגן: רבונו של עולם! היינט האָבן מיר ראש השנה, וואָס איז אויסגעפאַלן אום שבת. אויב דו קלערסט אונטער־צושרייבן אַ גוטן גזר־דין, דערלויבן מיר דיר — איך און מיין עדה יידן — צו שרייבן שבת, טאָמער קלערסטו אָבער אָנשרייבן חלילה אַ שלעכטן גזר־דין, דערלויבן מיר דיר נישט צו שרייבן שבת...

יום כפור ביי נעילה, פלעגט ער גיין פון עמוד צו דער טיר, אַהין און צוריק, קלאַפּנדיק זיך אין האַרצן אויף מאַמע־לשון אַז די גאַנצע עדה זאָל אים פאַרשטיין, מיט די פאָלגנדע ווער־טער: לוי יצחק — האָסט געגנבעט! לוי יצחק האָסט גע־גזלט! לוי יצחק, האָסט געשווירן פאַלש! און ער פלעגט גיסן מיט טרערן. איז אַמאָל ביי דער טיר געשטאַנען אַן אָרע־מער טרעגער, אַן עם הארץ, האָט דאָס אים זייער פאַרקלעמט ביים האַרצן און ער האָט אויסגעשריען: ווייגט נישט הייליקער צדיק, עס איז נאָך דאָ ערגערס פון אייך...

איינמאָל זיינען צו אים געקומען צוויי יידן, און דערציילט, אַז זיי גייען מאַכן אַ געשעפט און בייי אים געבעטן זיין ברכה. האָט ער גענומען צוויי שטיקלעך פּאַפּיר און אויפגעשריבן אויף יעדן: אלף, בית, גימל, דלית און ער האָט זיי געזאָגט: אויב איר וועט זיך פירן מיט „אלף" דאָס הייסט מיט אמת, וועט זיין ברכה און אויב איר וועט זיך פירן מיט „גימל", דאָס הייסט מיט גנבה וועט זיין דלות.

איינמאָל איז ער געשטאַנען ביים פענצטער און געזען ווי זיין שכן דער בעל־עגלה איז געשטאַנען אָנגעטאָן אין טלית און תפילין און געשמירט די רעדער פון וואָגן. האָט ער אויסגעשריען: דו זעסט? רבונא דעלמא כולה! אַט דער פּראָסטער בעל־עגלה, אפילו בשעת ער שמירט די רעדער דאַוונט ער אויך...

אַמאָל איז געקומען אַ מגיד אין בערדיטשעוו האַלטן דרשות און זיך געוואָנדן צום רב ער זאָל אים דערלויבן צו דרשענען ביי אים אין שול. דער רב האָט אים דערלויבט, נאָר מיט איין תנאי: ער זאָל נישט רעדן קיין שלעכטס אויף יידן. עס איז געקומען צו דער דרשה האָט דער מגיד אָפּגע־נויגט פון זיין צוזאָג און גענומען מוסרן, אַז די יידן זינדיקן. ווען דער רבי האָט דאָס דערהערט, איז ער צוגעגאַנגען צום באַלעמער און געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש: רבש"ע גלויב נישט דעם מגיד! ער איז אַ ליגנער... ער רעדט שלעכטס ווייל ער האָט אַ מיירל תתונה צו מאַכן...

---

ר' לוי יצחק איז געווען דער שמשלין פון קאָכעדיקן, יידישן בערדיטשעוו... די ישמאַט פון לומדות, עשירות און פרומ־

קיט... צוזאַמען מיט דעם גאַנצן, מזרח־אייראָפּעאישן ייִדנ־טום זײַנען זיי אויך אָפּגעווישט געוואָרן און מיטגענומען זייער פּאַרערונג צום גרויסן צדיק מיט זיך אין אייביקן וועג אַריין...

איינמאָל ראש־השנה צו תקיעת־שופר, האָט זיך מעשה־שטן דער שופר פאַרהאַקט און האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין שום קול. דער רבי האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות, אַז דער שופר זאָל דאָך אַרויסגעבן אַ קול, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דאַן האָט דער רבי אויסגעשריגן: זע, רבונו של עולם, איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע מיינע כוחות אויף בלאָזן שופר, אָבער איך זע, אַז דו ווילסט נישט, אַז איך לוי יצחק בן שרה פון בערדיטשעוו זאָל פאַר דיר בלאָזן שופר, טאָ נאָ, זאָל דיר איוואַן בלאָזן שופר, און בשעת מעשה האָט ער אַ שליידער געטאָן דעם שופר אויפן באַלע־מער. נאָך דעם האָט ער גענומען דעם שופר און ער האָט גע־בלאָזן ווי געוויינלעך. אַז ער פלעגט זײַן אין וועג און ער האָט נעדאַרפט דאַווענען בצבור, האָט ער שטענדיק געזוכט אַ מקום־קדוש, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַן עזרת־נשים, ווײַל ער פלעגט זאָגן, אַז נאָר דאָרטן וווּ ס'איז דאָ אַן עזרת־נשים איז מען זיכער, אַז די תפילה וועט אָנגענומען ווערן, ווײַל די ווייבער קענען שטאַרק צושטיין ביי זייער בקשה.

אַלע יאָר, בשעתן גרויסן יאַריד, פלעגט דער רבי אויפ־שטיין פאַרטאָג און אַרויסגיין אויפן מאַרק־פּלאַץ מיטן שמש, וועלכער האָט געטראָגן אַ גרויסן קויש מיט אָנגעשניטענע שטיקלעך לעקעך און אַ פּאָר פלעשער בראָנפן. די מענטשן וואָס זײַנען געקומען אויפן יאַריד, ייִדן, און להבדיל, גוים, זײַנען נאָך שטאַרק געשלאָפן אויף זייערע פורן. אָט איז דער

רבי צונעמאַנגען צום ערשטן יידן, האָט אים אויפגעוועקט:
שטייט אויף ר׳ ייד, נעמט אַביסל בראָנפן מיט אַ שטיקל
לעקעך, איך וועל אייך צוווינטשן, איר זאָלט האָבן אַ גוטן
יאָריד. דער ייד האָט אויף אים אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן
און אַ זאָג געטאָן: ס׳טייטש, הייליקער רבי, איך האָב נאָך
נישט אָפּגעגאָסן קיין נעגל־וואַסער, ווי קאָן איך דאָס טאָן.
האָט דער רבי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועק
צו אַ צווייטן יידן, צו אַ דריטן יידן א. א. וו. אָבער קיינער
האָט נישט געוואָלט נעמען אָן נעגל־וואַסער. איצט גייט ער
צו צו דער ערשטער גוייִשער פור און וועקט איוואַנען. איוואַן
האָט זיך אויפגעכאַפּט, גענומען אַביסל בראָנפן, פאַרביסן
מיט לעקעך, געזאָגט: אַ דאַנק דיר הייליקער ראַבין און
פּטור. דאַן האָט דער רבי זיך אַנידערגעשטעלט, אויפגעהויבן
די אויגן צום הימל און געזאָגט: הייליקער פאָטער, דער־
באַרעמדיקער, גיב אַ קוק דעם אונטערשייד פון טהור ביז
טמא, פון אונז ביז זיי. צו אַ יידן בין איך צוגעגאַנגען, האָט
ער נישט געוואָלט טועם זיין אָן נעגל־וואַסער, און איוואַן?
דערפאַר בעט איך טאַקע ביי דיר, אַז דו זאָלסט אַ קוק טאָן
אויף דיין עדה יידן און זיי פאַרזאָרגן, ווי אַ פאָטער פאַר־
זאָרגט זיינע קינדער, מיט געזונט און פּרנסה.

איינער פון די שפּעטערדיקע צדיקים האָט געזאָגט, אַז ווען
מען דערמאָנט דעם נאָמען פון הייליקן בערדיטשעווער צדיק,
און אפילו בלויז דעם נאָמען פון דער שטאָט, דערוועקט מען
דאָס זכות אויף יידן למעלה. עד האָט באַזירט דעם געדאַנק
זיינעם אויף דעם, וואָס אונזערע חכמים זאָגן אין דער גמרא
„תמיד״, אַז ווען דער דיזשורנער אין הויף פון בית המקדש
ביינאַכט פלעגט פרעגן: צי ס׳איז שוין געוואָרן ליכטיק רער

פרימאָרגן, פלעגט מען אים ענטפערן: די ליכט פון פרימאָרגן דערלאַנגט שוין אַזש ביז חברון און דאָס איז געווען, כדי צו דערמאָנען דעם זכות פון די אבות, וועלכע רוען אין חברון.

אָט אַזוי האָט דער גרויסער מליץ־יושר, דער גרויסער אוהב־ישראל, דער גרויסער סניגור פאַר זיין ערה יידן, געלעבט און געווירקט ביז זיין לעצטן טאָג אין דעם יידישן בערדיטשעוו.

# ווי אַזוי ר׳ לוי יצחק בּערדיטשעווער האָט געזאָגט קינות

אַ גאַנצן טאָג האָט געוואַרעמט אַ שיינע זון מיט אידע ליכטיקע שטראַלן, אָבער נאָכמיטאָג האָט זיך פּלוצלינג דער הימל בּאַדעקט מיט שוואַרצע וואָלקנס און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט אָט וועט ער אַרויסבּרעכן מיט יאָמערלעכן געוויין אינאיינעם מיט דער עדה יידן, וואָס וועלן גיין זאָגן קינות.

די געשעפטן האָט מען שוין פאַרמאַכט און די יידן האָבן זיך געאיילט אין די שולן. דעם בּערדיטשעווער רבּ׳ס קלויז איז שוין געווען אָנגעפּולט מיט מתפּללים. אייניקע האָבן זיך געזעצט אויף די איבערגעקערטע שטענדערס, אייניקע אויפן דיל. אַלע נייען אין בּלויסע זאָקן, אַז שיך; אַן אומעט איז געווען צו בּאַמערקן אויף אַלעמענס פּנימער.

דער רבּי אַליין איז נאָך נישט געווען צווישן זיי, ער האָט

זיך געפונען אין זיין חדר מיוחד, געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער און אַרויסגעקוקט ווייט אויפן שליאַך, וועלכע־ האָט געפירט ווייט אויסער דער שטאָט! ס'איז שוין צונע־ פאַלן די נאַכט, און דער רבי איז נאָך אַלץ נישט אַרויסגע־ גאַנגען. ער שטרענגט אָן זיינע בליקן, ער שפּיצט אָן זיינע אויערן, ער זעט פאַר זיך פאַרשידענע וויזיעס. יאָ! ער הערט אַ שיינעם געזאַנג, וועלכער ווערט אַלץ נענטער און נענטער. ער הערט שאַלן פון טראָמפּייטן און ס'ווייזט זיך אים אויס, אַז עס גייט שוין דער גואל צדק, מ'פירט אים אונטער אַ חופה. און זיין פּנים לייכט מזיו השכינה, יאָ! דאָס איז ער דער לאַנג דערוואַרטעטער משיח. דאָס האַרץ ביים צדיק ווערט אָנגעפילט מיט פרייד, דאָס האַרץ וועט אָט־אָט אַרויס־ שפּרינגען פון די שטאַרקע עמאָציעס, וואָס ער לעבט איבער. אָט גייט ער אַוועק פון דעם פענצטער און וויל שוין אַריינ־ לויפן אין שול אַריין און אויסשרייען: יידן! לויפט אַהיים, טוט אייך אָן די שענסטע בגדים און לאָמיר גיין מקבל פּנים זיין משיח צדקנו. אָבער ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויפן שמש, וועלכער איז געשטאַנען לעבן אים און האָט אים אַ זאָג געטאָן, רבי! ס'איז שוין שפּעט, דער עולם וואַרט, מ'דאַרף שוין זאָגן קינות.

דער רבי איז אַריינגעגאַנגען און האָט זיך אַנידערגעזעצט צווישן עולם, זאָגנדיק אַ פּאָר ווערטער אויפן אויער פון שמש. דאָס האָט ער אים באַפוילן אַרויסגיין אויפן שליאַך, אַ קוק טאָן אפשר גייט ער דאָך, משיח. אַז דער שמש האָט זיך אומגעקערט און האָט אַ שאָקל געטאָן מיט קאָפּ צום רבין אויף ניין, האָט ער ערשט דעמאָלט אויסגעבראָכן מיט אַ יאָ־ מערלעכן געוויין און מיט אים האָט די גאַנצע עדה אָנגע־

הויבן צו זאָגן איכה ישבה בדד. אגב אורחא איז כדאי צו דערציילן די לייענערס אַ זאַך, ביי וועלכער איך בין אַליין געווען אַן עד ראיה.

דעם זומער פון 1921 ווען איך האָב האָב פאַרלאָזט מיין נעגבורט־שטאָט, פלעג איך זיך אָפט טרעפן מיט דעם דר. ש. דאָס איז געווען אַ ייד אַ תלמיד־חכם, מיט וועמען איך פלעג זיך אָפט אונטערהאַלטן. איינמאָל גיט ער מיר אַ זאָג: „קומט מאָרגן, וועל איך אייך ווייזן אַ שיינע זאַך". אויפן צווייטן טאָג ווען איך בין געזעסן ביי אים אין קאַבינעט, האָט מען אַריינגעפירט צוויי יינגלעך אין עלטער פון 15־16 יאָר, ביידע זיינען געווען פאַראַליזירט אויפן רעכטן זייט קערפּער.

עס איז געשען מיט זיי אַזוי:

מיט אַ פּאָר וואָכן פריער האָבן ביידע, חברים שפּאַצירט אויפן בית־הקברות אום שבת און ווען זיי זיינען דורכגע־גאַנגען דאָס מויערל פון בערדיטשעווער צדיק, האָבן זיי ביי־דע געהאַט די חוצפּה פאַררויכערן ציגאַרעטלעך ביים נר תמיד, וועלכער האָט געברענט אין אוהל און ביידע זיינען באַלד אויפן אָרט פאַראַליזירט געוואָרן. קיין שום קאָמענ־טאַר גיב איך נישט צו, איך דערצייל נאָר אַ זאַך וואָס בעיני ראיתי.

# אַ יום-כּפּורדיקער מוסף אין שול פון דעם צדיק

די שול איז איבערגעפּולט מיט אנשים, נשים וטף, אויף אַזוי פיל, אַז די ווענט שוויצן פון דער מענטשן־מאַסע. די ברענענדיקע וואַקסענע ליכט, גיבן פון זיך אַרויס אַ שטאַרקן געשטאַנק, און זיי טראַסקען, אַזוי ווי מ׳שיסט אויס פון קינדער־ביקסעלעך. אויך די מתפּללים זיינען געל אַזוי ווי די וואַקסענע ליכט, אָבער איינגעהילט אין טליתים און קיטלען שטייען זיי אַלע ווי געהאָרכזאַמע סאָלדאַטן פאַר זייער מלך. און אויך מיט גרויס כוונה דאַווענען זיי און הערן זיך צו צו יעדער וואָרט פון שליח צבור, וועלכער איז געווען טאַקע דער בערדיטשעווער צדיק אַליין. פּלוצים, ווען עס איז געקומען צו די ווערטער אדם יסודו מעפר וסופו לעפר, האָט דער צדיק זיך אָנגעשפּאַרט אויף ביידע עלנ־בויגנס און האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און האָט זיך צוגע־

הערט מיט א גרויסער אויפמערקזאמקייט. דער עולם איז נעי
בליבן אזוי שטיל, אז ס'האט כמעט געהערט דעם אטעם
פון יעדן איינעם און אויך א פליג דורכפליען. א טויטע שטיל־
קייט האט געהערשט אין קלויז. ווי לאנג די געשיכטע האט
געדויערט, דאס ווערט נישט דערציילט, אבער ס'איז באקאנט,
אז דאס שטילשווייגן איז געווארן איבערגעריסן צוליב דעם
פאל, וואס א זקן איז געפאלן אין חלשות פון דעם פאסטן,
און דער צדיק איז צו אים צוגעלאפן און האט אים אויפגע־
געמונטערט. אין א קורצער צייט ארום האט דער צדיק דער־
ציילט זיינע מקורבים, אז אין דער צייט וואס ער איז שטיל
געווארן פון דער תפילה, איז פארגעקומען א שווערער דין־
תורה פון אויבן, און ער — ר' לוי יצחק — איז ארויפגע־
רופן געווארן אויבן אלס עקספערט. געשען איז דארטן אט
וואס: ס'זיינען ארויפגעבראכט געווארן צום גרויסן בית־דין
צוויי נשמות פון צוויי בערדיטשעווער יידן. איינער האט גע־
הייסן יעקב יואל און דער צווייטער נחום'קע, וועלכער האט
אויך פארמאגט א צונאמען „גנב". דער ייד, ר' יעקב יואל
און אויך נחומקע, זיינען ביידע באשולדיקט געווא־ן אין
גניבה. ר' יעקב יואל איז געוועזן א ייד א סוחר און אז ער
איז געקומען אויף דער עלטער, האבן אים זיינע קינדער
פארגעלייגט ער זאל זיי איבערגעבן פאר זיין לעבן די קראם
און ער זאל זיך שוין אפרוען. ער האט מסכים געווען צו דער
זאך. זיי האבן אים פארזארגט מיט לחם לאכול ובגד ללבוש,
אזוי ארום, אז ער האט געקאנט זיצן כמעט א גאנצן טאג אין
בית־המדרש על התורה ועל העבודה. אבער עטלעכע מאל
אין יאר, ווען אין שטאט איז געווען א יאריד, פלעגן די קינ־
דער אים איינלאדן אין קראם ער זאל זיי ארויסהעלפן. אין

די טעג פלעגט ר' יעקב יואל ננכענען געלט ביים פאַרקויפן די סחורות. דאָס געלט פלעגט ער אויסנוצן אין בית המדרש אויף משקה און פאַרבייסן. ביי יעדער געלעגנהייט, האָבנדיק אביסל געלט, פלעגט ער צונויפנעמען עטלעכע יידן און שטעלן משקה און מ'פלעגט זאָגן לחיים. פאַרן בית־דין של מעלה האָט ער געטענהט, אז דאָס איז גישט געווען קיין גניבה, ווייל דאָס איז דאָך געווען זיין קראָם, און א חוץ דעם האָט ער דאָס געטאָן לשמה, וואָס בשעתן טרינקען לחיים, פלעגט מען רעדן דברי־תורה. דער צווייטער נתומ'סע „גנב", האָט געטענהט, יאָ, ס'איז אמת, איך בין געווען א פראָפע־סיאָנעלער גנב, פון קליינערהייט אָן. כאָלד נאָך יום־כפור פלעג איך פאַרלאָזן די שטאָט, אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך, אויף אָלע מערק און גענגבעט ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט און וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ערב יום־כפור פלעג איך קומען אהיים און מיט דעם געלט וואָס שטאַמט פון גניבה, פלעג איך אַרויסהעלפן אָרעמע, קראַנקע און הילפסלאָזע יידן. יום־כפור פלעג איך פאַסטן א גאַנצן מעת־לעת, דאַווענען בצבור מיט גרויס כוונה און נאָך יום־כפור ווייטער אוועקגיין צו מיין אַרבעט. אָבער מען קאָן נישט זאָגן, אז מיין אַרבעט קאָן ווערן פאַראורטיילט פאַר דעם גרויסן חטא פון לא־תגנוב, ווייל מיט דעם געלט האָב איך געראַטעוועט מענטשן.

נאָך א קליינער באַראַטונג, האָט דער בית־דין של מעלה באַפוילן איבערוועגן די מצוות און עבירות פון ביידע יידן. אָט האָט מען אַרויפגעלייגט אויף איין וואָגשאָל די מצוות פון דעם זקן ר' יעקב יואל און אויף דער צווייטער זייט די עבי־רות. אויך אויף א צווייטן וואָגשאָל האָט מען דאָס זעלבע

נעטאָן מיט די מצוות און עבירות פון נחומ'קע גנב. אָבער דאָ האָט געשען אַן אומרערוואַרטע זאַך, אויף ביידע וואָג־שאָלן פון ביידע יידן זיינען געווען כמעט גלייך, עס האָט גע־פעלט עטוואָס אויפן כף־זכות ביי ביידע יידן. וואָס טוט מען דאָ? אָבער אַזוי ווי ביידע אינטערעסאַנטן זיינען געווען פאַכלייט, האָבן זיי — אומכאַמערקטערהייט פאַרן בית־דין — אָראָפּגענגנבעט פון דער כף־חובה אַ פּאָר עבירות און אַזוי אַרום האָט דער כף־זכות אַריבערגעוווגן. אָבער דאָ מעשה־שטן איז עס דאָך באַמערקט געוואָרן און ס'איז גע־וואָרן אַ גרויסער רעש אין בית־דין של מעלה, ס'טייטש? אַזאַ אומגעהערטע זאַך, אויך כשעת הדין גנבענען? און מען האָט מיר — אַלס פּאַרטיידיקער פון יידן — אַרויפגערופן. און איך האָב אַנידערגעלייגט אַ טענה און איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל נישט אַוועקגיין פון דאַנען, ביז מ'וועט זיי מזכה זיין. איך האָב געטענהט, ס'טייטש? בנפשו יביא לחמו, פאַרוואָס קומט דאָס זיי דער גיהנום, זיי האָבן דאָך דאָס גע־טאָן לשם מצוה און איך האָב געפּועלט, מ'האָט זיי באַגנע־דיקט. אַזוי ווי איך האָב דערזען, אַז ס'איז אַן עת־רצון, האָב איך געוואָלט פּועל זיין אַראָפּברענגען משיחן. ס'האָט געפעלט אַ קלייניקייט, אַז איך זאָל דאָס פּועל זיין, אָבער דאָ האָב איך דערהערט, אַז אַ ייד האָט געחלשט, האָב איך זיך געמוזט אומקערן צו מיין עדה יידן.

ר' לוי יצחק איז געווען דער שטאָלץ פון קאָבעריסן יידישן בערדיטשעוו... די שטאָט פון לומדות, עשירות און פרומ־קייט... צוזאַמען מיטן גאַנצן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום זיינען זיי אויך אָפּגעווישט געוואָרן און מיטגענומען זייער פאַרערונג צום גרויסן צדיק מיט זיך אין אייביקן וועג אריין...

# בערדיטשעוו אין די טעג
# פון פעטליורען

אין פאַרגלייך מיט אַנדערע שטעט און שטעטלעך, וועלכע ס'זיינען אויסגעקוילעט און צעראַבירט געוואָרן דורך די מערדערס פון פעטליורע, האָט די שטאָט בערדיטשעוו כמעט גאָרנישט געליטן. דאָס הייסט: ס'איז דאָ פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם. דאָס איז געווען דעם 5-טן יאַנואַר 1919 ווען ס'זיינען געהרגעט געוואָרן 23 יידן. די סיבה, וואָס אין דעם הינזיכט האָט בערדיטשעוו ווייניקער געליטן ווי אַנדערע שטעט און שטעטלעך, קאָן מען אויסטייטשן דערפאַר, ווייל ראשית: די באַנדיטן האָבן געוווסט, אַז ס'איז אַ ריין יידישע שטאָט, וועלן זיי נישט קאָנען באַקומען קיין הילף פון דער דאָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג, וואָס ס'איז כמעט געווען אין־בנמצא. והשניה: ביי אונז איז געווען אַ דיסציפּלינירטע יוגנט, וועלכע האָט גע־

שטעלט א שטאַרקן ווידערשטאַנד, אָפּהיטנדיק דעם לעבן און כבוד פון אונזער פאָלק. דער פּאָגראָם איז אויך פאָרגעקומען נישט ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך. דאָס איז געווען אין א פינצטערער נאַכט, און די גרעסטע צאָל פון די הרוגים זיינען געווען אויפן וואָקזאַל. אין שטאָט זיינען ביי דעם וויטאַשקעס געסל געלעגן צוויי טויטע יידן, וועלכע זיינען געווען אזוי מערדעריש צעשלאָגן, אַז מ'האָט נישט געקענט פעסטשטעלן, ווער זיי זיינען געווען. אין דער נייער שטאָט האָט מען געפונען עטלעכע הרוגים. ביי זיך אין שטוב זיינען די נאַכט געהרגעט געוואָרן דורך די פּעטליוראָווצעס לייביש מאַנזאָן מיט זיין פרוי. דער פּאָגראָם איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דעם אַטאַמאַן איסקילקאָ, וועלכער איז געווען דער קאָמאַנדיר פאָלקאָ פון די סעטשישיוויקעס. דער מערדער האָט אָבער מיט עטלעכע יאָר שפּעטער באַקומען זיין פּסק־דין, וועלכן ער האָט פאַרדינט. דאָס איז געווען אין דער וואָך, ווען אין פּאַריז איז געפאַלן פון די הענט פון שלום שוואַרצבארד ז"ל דער באַנדיט סיעמיאָן פּעטליוראַ ימ"ש. ס'איז באַוווסט, אַז שלום שוואַרצבאַרד האָט אים געשאָסן אין לאַטיינישן קוואַרטאַל און אַז מ'איז צוגעלאָפן צו אים, האָט ער געמעלדן, אַז ער האָט געשאָסן א הונט. אין דער זעלבער וואָך האָבן פיר יונגעלייט זיך צוזאַמענגעטראָפן אויף א פּלאַץ אין ראָוונע און מ'האָט באַשלאָסן אויסקלייבן א צווייטן הונט, — דעם אַטאַמאַן איסקילקאָ, דעם זעלבן מערדער, וועלכער האָט געמאַכט דעם פּאָגראָם אין בערדיטשעוו. ער האָט געוווינט מיט זיין פרוי און א קליין מיידעלע אין דעם הויז פון דעם ראַמען־שניידער דעמב. די רעדאַקציע פון דעם אוקראַינישן זשורנאַל „דילאָ" וואָס ער האָט רעדאַגירט,

האָט זיך געפונען אין אַ דאָרף הינטער ראָוונע. דאָס בלעטל איז געווען שטענדיק געפירט אין אַ שטרענגער אַנטיסעמיטי־שער שטימונג, בפרט נאָך דעם אַטענטאַט אויף פּעט־ליורע, האָט אוסקילקאָ אין זיין אוקראַיִנישן אָרגאַן גערופן עפנטלעך צו אַ פּאָגראָם אויף יידן. אין איין שיינעם אָוונט, ווען ער איז געזעסן ביי זיין שרייב־טיש און געשריבן אַן אַרטיקל, האָבן זיך אַריינגעקומען אין גאָרטן — ווו ס'איז געשטאַנען דאָס הויז — אַלע פיר יונגעלייט. צוויי האָבן זיך פאַרשטעקט הינטער די בוימער און צוויי זיינען צוגעגאַנגען צום פענצטער מיט אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן, ביידע האָבן אויסגעשאָסן און ביידע האָבן געטראָפן. דער כלב האָט אפילו קיין פּיפּס נישט געטאָן און געפאַלן אַ טויטער. די פיר יונגע־לייט איז געלונגען צו אַנטלויפן און עד היום הזה האָט מען נישט געוווסט, ווער ס'האָט אָפּגעטאָן „דאָס שטיקל אַרבעט". פון די פיר יונגעלייט זיינען דריי אומגעקומען אין ראָוונע, און דער פערטער לעבט אין פּאַריז. אַט אַזוי האָט געלעבט און געווירקט אונזער יוגנט אין יענער צייט. זעלטן אַז אַ פאַרברעכן קעגן אונזער פאָלק איז דורכגעגאַנגען אומבאַ־שטראָפט.

אין אַ קורצער צייט נאָך דעם אַרעסט פון שלום שוואַרצ־באַרד, איז געשאַפן געוואָרן ביי דעם „ראַט פון יידישע דע־לעגאַציעס" אין פּאַריז, 83 אַוו. דע לאַ גראַנד־אַרמיי, אַ פאַר־טיידיקונגס־קאָמיטעט. צו דער זעלבער צייט האָט מען אַרוי־בערגעבראַכט פון דער סאָוועטישער זייט קיין ראָוונע אַ קאָ־לעקציע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ דאָקומענ־טאַציע־צענטער אין סאָוויעט־רוסלאַנד. די קאָלעקציע איז באַ־שטאַנען פון הונדערט מיט זעכצן פאָטאָגראַפיעס. אויף די

פאָטאָגראַפיעס האָט מען געזען שרעקלעכע בילדער פון די פּאָגראָמען אין פּראָסקוראָוו, פאַסטאָוו, אוווריטש און פיל אַנדערע שטעט און שטעטלעך. מ'האָט געזען מענטשן מיט אָפּגעהאַקטע נעז, אָפּגעהאַקטע אויערן, א מיידעלע פון א יאָר צוועלף מיט אַן אָפּגעהאַקטער האַנט ביזן אַקסל (דאָס מיידעלע איז געוואָרן אַוועקגעפירט דורך ישראל בעלקינד, קיין ארץ־ישראל און איז געוואָרן איינגעאָרדנט אין א יתומים־הויז). אין דער קאָלעקציע האָבן זיך אויך געפונען פאַרשיידענע דאָקומענטן, וועלכע האָבן באַוויזן די אכזריות פון די מערדער. די קאָלעקציע האָט דער שרייבער פון די שורות צוגעשטעלט צום פּאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט אין פּאַריז און בשעת דעם פּראָצעס זיינען די דאָקומענטן דעמאָנסטרירט געוואָרן און האָבן פיל צוגעהאָלפן צו דער באַפרייאונג פון שלום שוואַרצבאַרד.

# זכור את אשר עשה לך
# היטלער ימ״ש

**פאַרענדיקנדיק** מיין קליינעם ווערק, וועלכער דאַרף דינען אַלס פּיילוויזע מצבה אויף מיין טייער־ער געבורט־שטאָט בערדיטשעוו, וויל איך אויך, אַז אין דער זעלבער צייט זאָל מיין קליינער ווערק דינען אַלס צוואה, וואָס איך לאָז איבער מיינע קינדער און קינדס־קינדער, עד סוף כל הדורות. מיין צוואה איז קורץ און שאַרף: געדענקט, וואָס היטלער האָט מיט אונז אָפּגעטון! און קיינמאָל זיך נישט חבר'ן מיט די מערדער, די דייטשן.

און איצט טייערע לאַנדסלייט, נעמט אַ ביסל אַש אויפן קאָפּ און אַ זאַק אויף די לענדן און טוט אויס די שיך פון אייערע פיס און לאָמיר צוגיין אויף דעם פּלאַץ, וווּ ס'איז פאָרגעקומען די ערשטע סעלעקציע פון די בערדיטשעווער יידן, ווו די מערדערס האָבן אומגעבראַכט בערך צוואַנציק

טויזנט יידן. אין דעם סעקטאָר ווו ס'האָט זיך געפונען דאָס
שעכט־הויז, אויך נישט ווייט פון דאָרטן האָט זיך געפונען
דער הויף ווו דער „היצעל" פלעגט כאַפּן און טויטן די היימ־
לאָזע הינט. אַט דאָ, אַט דאָרט, ווו די ערד איז דורכגעזאַפּט
געוואָרן, אין משך פון לאַנגע יאָרן מיט דעם בלוט פון די
בהמות און די הינט, האָבן די דייטשע מערדער, מיט דער
הילף פון די אוקראַאינער פאַרגאָסן דאָס בלוט פון אונזערע
קדושים און דאָס בלוט האָט זיך צונויפגעמישט מיט דעם
בלוט פון די חיות. דאָ האָט מען אויסגעגראָבן גריבער און
מ'האָט דורכגעמאַכט די זעלבע פּראָצעדור וואָס אין אַנדערע
שטעט און שטעטלעך. דאָס איז פאָרגעקומען לערך אין אָנ־
פאַנג פעברואַר 1942. אין צוויי וואָכן אַרום איז פאָרגעקומען
די צווייטע, די לעצטע סעלעקציע, ביי דער „ליסע גאָראַ" (דער
פּליכעוואַטע באַרג), ווו ס'זיינען אומגעקומען די לעצטע אַכט
טויזנט נפשות. וועגן דער לעצטער סעלעקציע ברענג איך דאָ
דעם אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אין „דבר־השבוע"
נומ. 31 פון 3.8.50 אונטערן אונטערשריפט פון ס. אַרקאַדי.

# דער ערשטער קדיש

איך האָב דורכגעפירט אַ רעוויזיע אין אויי־נעם פון די טאַנקען־באַטאַליאָנען, וואָס איז אַרויסגעפאָרן מאַכן איבונגען. בשעת איך האָב דורכגעקוקט איינעם פון די טאַנקען, האָב איך אַנטדעקט אין דעם קאַסטן פון קוילן אַ ספר־תורה. די דאָזיקע ספר־תורה איז נישט געווען ענלעך צו די גרויסע ספר־תורות, וועלכע איך האָב געדענקט נאָך פון די קינדער־יאָרן. דאָס איז געווען אַ קליינע ספר־תורה איינגע־וויקלט אין אַן אַלט צעריסן העמד, ווי עס וואָלט געווען צו־געפּאַסט צום וואַנדער־לעבן פון טאַנק.

און אינטערעסאַנט, אַז פון דעם זעלבן קאַסטן האָט אויף מיר אַרויסגעקוקט אַן אַמעריקאַנער צייטונג מיט דעם בילד פון עפּעס אַ פילם־סטאַר. דער דאָזיקער פילם־סטאַר האָט זיך קיינמאָל נישט געדאַכט, אַז זי וועט באַרירן אַ רוסישן טאַנק, וואָס שניידט זיגעריש דורך די ברייטע פעלדער פון אונגאַרן. איך האָב געפרעגט דעם טאַנק־פירער פון וואַנען עס קומט

צו אים די דאָזיקע ספר־תורה ? ער האָט געענטפערט... דאָס איז די שמירה פון אונזער טאַנק, מיר האָלטן זי זייט דעצעמבער 1943. אונזער אַרטילעריסט משה חפץ האָט אים באַקומען פון אַ געוויסן בערדיטשעווער רב. וואַרט אַ ביסל, באַלד וועט צוריקקומען דער סערזשאַנט, וועסט דו קענען זיך מיט אים דורכשמועסן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז צו אונז צוגעקומען דער טאַנק־סערזשאַנט, אַ נידעריקגעוואַקסיקער בחור, מיט שוואַרצע האָר, בלאַנדזשענדע אויגן און אַ כיטרע געלעכטער. אויף זיין ברוסט האָבן זיך געפונען פיל אויסצייכענונגען. אַ טיפּישער סאָלדאַט פון סאָרט, וועלכע זיינען באַליבט דורך די קאָמענדאַנטן. מיר האָבן זיך באַקענט און אָפּגעשמועסט זיך צו באַגעגענען נאָך דעם זעלבן אָוונט אין אַ קאַפע. מיין ניינערי־קייט האָט מיר נישט געגעבן קיין רו און איך בין געקומען צום טרעף־אָרט פאַר דער צייט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ זייטיק טישל און געוואַרט. דער קעלנער וואָס האָט באַדינט מיין טישל, איז געווען, ווייזט אויס, באַצויבערט פון מיינע פילע אויסצייכענונגען און האָט מיר שנעל באַדינט. איך האָב אַוועקגעשטעלט אויפן טישל אַ קרוגל מיט טאָקאַיער וויין, וועלכן איך האָב צוגעגרייט לכבוד מיין נייעם פריינט. דער סערזשאַנט איז געקומען פּינקטלעך צו דער אָפּגערעדטער צייט. און אָט, וואָס עס האָט מיר דערציילט דער יידישער סערזשאַנט :

„אין בערדיטשעוו, אונטער דעם „ליסי באָרג״ האָבן די דייטשן דערמאָרדעט 8.000 יידן. צווישן די ווייניקע וועלכע זיינען ניצול געוואָרן, האָט זיך אויך געפונען דער רבי. אין דער נאַכט פאַר דעם מורד, האָבן אים צוויי פון זיינע תלמי־

דים באהאלטן אין א הייל. 22 חדשים זיינען די באהאלטענע געזעסן אין דער הייל און האָבן זיך דערנערט מיט אַלטע פאַרשימלטע מאכלים, וואָס די יונגן האָבן באַקומען פאַר זייער אַרבעט. די גאַנצע צייט האָבן זיי נישט געהאַט קיין פּייער אויף אָפּצוקאָכן א געקעכץ אָדער אָנוואַרעמען דעם גוף און תמיד האָבן זיי געליטן אַ מאַנגל אין וואַסער און זאַלץ. ווינטער האָבן זיי געליטן פון דער קעלט און זומער פון דער היץ. זיי האָבן זיך נישט געוואַשן און נישט געביטן זייערע קליידער און אויסגעזען ווי ווילדע מענטשן.

„געלעבט האָבן זיי אין שטענדיקן שרעק, טאָמער וועט מען זיי אַנטדעקן. דער רב האָט געראַטעוועט מיט זיך פון געטאָ אַ ספר־תורה. געווען איז דאָס אַ קליינע ספר־תורה, געל פון אַלטקייט, אָבער יעדער אות האָט געגלאַנצט מיט זיין שוואַרצקייט, וואָס האָט עדות געזאָגט, מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט זי איז געשריבן געוואָרן.

„נישט ווייט פאַר בערדיטשעוו האָט אונזער אוואַנגאַרד־טאַנק באַגעגנט אַ משונהדיקע גרופּע. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט, האָבן מיר דערזען צוויי באַוואַקסענע מענטשן אין צעריסענע קליידער, וועלכע האַלטן אונטער אַן אַלטן מאַן. די גרופּע האָט דערזען דעם רויטן שטערן אויף דעם טאַנק און זיך שנעל דערנענטערט צום וועג. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דער אַלטער איז צוגעקומען צום טאַנק, אויסגעגלייכט זיין קערפּער און מיט ציטערדיקע הענט אונז דערלאַנגט די ספר־תורה און מיט אַ שוואַך קול געמאַכט די ברכה: „שהחיינו".

„איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון טאַנק אין זיי אָנגעהויבן אויספאַרשן. דער רב האָט אונז געבעטן זיי מיטצונעמען ביז

דער פארשטאט. מיר האבן זיי אריינגעזעצט אין טאנק און ווייטער געפארן. ביי דעם שייד־וועג, נעבן דעם „ליסי בארג" האבן זיי געבעטן מען זאל זיך אפשטעלן. דער רב האט אונז איבערגעגעבן די ספר־תורה און געזאגט: די דאזיקע ספר־תורה זאל אייך אפהיטן פון אלדאס שלעכטס אין דער היילי־קער מלחמה קעגן אונזער פארטיליקער. דאן האט ער מיט שניי אפגעוואשן די הענט און געזאגט מיט א ציטערדיקער שטימע: "יתגדל ויתקדש שמיה רבא".

דאס איז געווען דער ערשטער קדיש נאך דער בערדיטשע־ווער קהילה.

# אינהאַלט־פאַרצייכעניש


צום לייענער — 7

דאָס אַמאָליקע בערדיטשעוו — 13

הוצקע דער טרעגער און זיין שול — 16

נעצל א „שערל" — 20

בוכמאַנס טעכטער — 25

באַלזאַק אין בערדיטשעוו — 29

דער סאַניטאַרער און היגיענישער צושטאַנד אין בער־
דיטשעוו ביז צו דער רעוואָלוציע — 33

איטע רחל און איר געוועלבל — 45

דער צירק ברענט — 51

ברוך הבא — דער עלעפאַנט איז דאָ — 55

פיליפּאָנסקיס נאָס — 59

זאַכאַר דער ליים־פירער — 63

על הצדיקים ועל החסידים — 69

ווי אַזוי ר' לוי יצחק בערדיטשעווער האָט געזאָגט קינות 79

אַ יום־כּפּורדיקער מוסף אין שול פון דעם צדיק — 82

בערדיטשעוו אין די טעג פון פּעטליורען — 86

זכור את אשר עשה לך היטלער ימ"ש — 90

דער ערשטער קדיש — 92